NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13376

# KHEZYONEY NOAR

Hillel Jacob Horowitz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צענטראלע יידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו

# חזיוני נוער

ביבליש דראמאטישע
קינדער סקעטשעס

:- פון -:

רעוו. הלל יעקב הורוויץ (הלל״ה)

(ערשטער טייל)

# CHEZYONEY NOAR

## Dramatical Bible Sketches for Children.

צענטראלע יידישע ביבליאטעק

VOL. 1

BY REV. H. J. HOROWITZ

SAINT LOUIS
1925

Copyright, 1925, By
Rev. H. J. HOROWITZ

ALL RIGHTS RESERVED

PRESS OF EAGLE PRINTING CO.
ST. LOUIS, MO.

# פארערע

דאס אידישע פאלק וועלכעס ווערט מיט רעכט אנגערופען אלס "עם הספר", צוליעב די היילינע שריפטען וועלכעס עס האט געשאפט און געגעבען דער וועלט. און איז ניט געבליבען שטיין ביי די כתבי הקודש אליין, נאר האט פארטגעזעצט און רייכער געמאכט דיזען וואונדערבארען אוצר דורך דעם גרויסען ים התלמוד מיט זיינע מפרשים, דורך די גרויסע גאונים און בעריהמטע פילאזאפען, דענקער און פאעטען, געזעץ געבער און מאראליסטען, און זיי אלע האבען געשאפען און פארצווייגט די אידישע ליטעראטור, מיט די רייכסטע קוואלען פון שריפטען: ריכטערליכע, געזעצליכע, ציווילע, טעלאגישע, עטישע, מאראלישע, פיליזאפישע, מיסטישע, פובליציסטישע, און פאעטישע. און דיזע גייסטיגע פארטזעצונג האט קיין מאהל ניט אויפגעהערט. און ווען אין לעצטען יאהר הונדערט אלס די השכלה בעוועגונג האט אנגעהויבען אריינדרינגען אין דעם אידישען לאגער און מען האט אנגעהויבען אריינברינגען די יפיפותו של יפת באהלו של שם, זיינען גלייך אויסגעוואקסען ביים אידישען פאלק גרויסע ריזען וואס האבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייערע געניאלע פעהיגקייטען אלס וואונדערליכע שריפטשטעלער וואס האבען געשאפען איין וואונדערבארען רייכען אוצר פון ערציילונגען און פאעמען, גלייכצייטיג איז אויך געשאפען געווארען א רייכער אוצר פון דראמאטישע קונסט און ליטעראטור. און אין אלעם האט דאס אידיש פאלק געצייגט אז דער נאמען עם הספר האט עס כשר פארדינט.

יא, אבער ווי רייך מיר זיינען מיט אונזער ליטעראטור פאר גרויסע מענשען אזוי דאגעגען זיינען מיר ארעם. ארימער ווי אלע פעלקער אין א קינדערישער ליטעראטור, מיר האבען פאר'ן אידישען קינד קיין זאך געשאפען. עפעס אזוי ווי ביים אידישען פאלק וואלט גאר קיין קינדהייט געווען.

עס ערינערט מיר: אלעס איך בין געווען אקינד פון אכט אדער ניין יאהר, עס איז געווען א בין מנחה למעריב ווינטער צייט דער רבי אונזערער האט געדארפט אריין אין בית המדרש עפעס פרעגען ביים רב, האט אונז "שקצים" אנגעזאגט מיר זאלען דערווייל איבער חזר'ן דעם בלאט גמרא. מיר האבען דאן געלערענט גיטין (8, 9 יאהריגע קינדער, מיט אזעלכע לעבענס פראבלעמען) מיר חברה האבען נאר געווארט אויף אזא גליקליכע געלעגענהייט, און גלייך ווי דער רבי איז ארויס האבען מיר צוגעמאכט די גמרות און ארויס געלאפען אויס'ן גאס, און גענומען זיך גליטשען אויפ'ן אייז וואס איז געפארמירט געווארען פון די אפפאל וואסער וואס וועט

ארויסגעגאסען געבען יעדער הויז און בפרט געבען אונזער רבי'נס הויז. מיר האבען זיך פאנאנדער געגליטשט אזוי לעבעדיג וואו יעדער האט געוואלט צייגען קונצינע קענסטיסע, איינער האט זיך געגליטשט "א ויאמר דוד" גליטש, ד. ה. מיט צונעמאכטע אויגען, איין אנדערער "א רגל אחת" גליטש, א דריטער "א חוטב עצים", א פערטער זיצענדיג א. אז. וו.. ערשט פלוצלונג ווי פון א דונער געטראפען דערהערען מיר א בייזע שטימע : העי קונדייסים ! אזוי פארברייגגט איהר די צייט ? דאס איז געווען מיין זיידע ז"ל, וועלכער איז גראדע דאן געגאנגען פארביי און האט אונז בעמערקט שפילענדיג ער האט מיר צו גערופען צו זיך אנגעמענדיג ביי מיין אויער און זאגט צו מיר א שטיק מוסר : שעמען זאלסטו זיך א אינגעל זאל זיך נאר גלאט אין דער וועלט אריין פארברייגגען זיין צייט אין גליטשען זיך אזוי ווי א שקץ, און תורה מה תהי עליה ? א אינגעל דארף לערנען ניט ארום לויפען העגדום פעגדום און נאר גליטשען זיך, האסטו מיר געזעהן אז איך זאל זיך גליטשען ? נאטירליך איך האב געמוזט מודה זיין אז איך האב מיין זיידען ניט געזעהן זיך גליטשען, און האב מיר ווירקליך פארשעמט פאר זיין ארגומענט און האב ניט געוואוסט וואס צו ענטפערען, ווערהענד די אנדערע קינדער זיינען אויך אלע געבאך צו לאפען. און מיר אלע זיינען צוריק אריין אין פינסטערען חדר, און צוריק האבען מיר 8 יאהריגע קינדער גענומען מאטערען אונזערע מוחות מיט די שווערע סוגיות פון המביא גט ממדינת הים ווייל מיר 8 יאהריגע קינדער האבען זיך געדארפט פארגלייכען אין אונזער לעבענס בעגריף צו אונזערע 70 יאהריגע זיידעס. און מיין זיידענס בעגריף פון קינדהייט, איז ניט געווען דאס בעגריף פון איין יחיד, נאר דאס איז געווען דער אלגעמיינער בעגריף פון דעם גאנצען פאלק, די קינדער זיינען ביי אונז קיין מאהל ניט געווען קיין קינדער נאר אלטע מענשעלאך מיט קליינע קערפערלאך, און דיזע פארנאכלעסיגונג, און אומבעגרייפבארע קינדהייט, האט געווירקט זאגאר אויף אונזערע בעריהמטע שרייבער, וועלכע האבען לעצטענס זיך שוין אנגעהויבען דערטאגען אז דאס אידיש פאלק האט אויך א קינדהייט, א יונגער און מען דארף עפעס אויך פאר זיי שאפען. איז ווידער די אלטע גע-שיכטע ווייל די שרייבער אליין זיינען אויך קיין מאהל קיין קינדער ניט געווען האבען זיי זיך ניט געקענט מצמצם זיין און פארשטיין ריכטיג וואס צו געבען פאר קינדער, און די ווערק וועלכע זיי האבען געשאפען זיינען אדער נאר קינדעריש אין זייער שפראך, אדער נאר קינדעריש אין זייער אינהאלט, עפעס האט געפעלט אונזערע שרייבער יענער שוואונג וואס זאל זיי קענען אריין ברייגען אין דעם היכל פון די קינדערשע נשמות.

איך אלס לעהרער פון אידישע קינדער האב בעמערקט דאס עס פאדערט זיך גאנץ אפט צו געבען די קינדער א צושטרייאונג, פון די הארטע טרוקענע למודים דורך עפעס פרישעס, זאפטיגעס, לעבעדיגעס ווי צום ביישפיל א רעקי

לאמאציעז, א געזאנג, א פארשטעלונג א. ז. וו.. האב געגומען זוכען און בלעט
כערען פארשיידענע ביכער, פון בעריהמטע פארפאסער און פאעטען, האב
געפונען א גאנץ רייכען מאטעריאל אפשר גום גענוג פאר אייראפעאישע
קינדער. אבער נים פאר די אידיש אמעריקאנער קינדער. איך האב זיך גע־
ווענדעט צו די פארשידענע פארלעגער און פאבלישערס מים איין אנפראגע
אויב זיי האבען אין זייערע פארלאגען וועלכע עס איז ליטעראטור פאר
אמעריקאנער קינדער. און האב געקראגען דעם אנטווארט אז ניין. איך האב
מיך געווענדעט צו די פארשיידענע גרויסע תלמוד תורות און פאלקס שולעס
אויב זיי האבען וואס אויף דיזען געבים, און אויך זיי האבען מיך ענטוישט.
ואגאר די גרויסע קינדערישע ארגאניזאציאנען דער "יהודה הצעיר".
וועלכעס איז ביי דיזען מאמענט שוין גאנץ רייך מים א גרויסע
ענגלישע קינדער ליטעראטור זאגאר מים איין ספעציעלען קינדער זשורנאל
און מים פיעלע קינדער דראמאס. ווען איך האב מיך געווענדעט צו זיי הא-
בען זיי עס נאך דאן נים געהאט, אבער זאגאר יעצט האבען זיי אויך קיין זאך
אין אידיש.
און נים האבענדיג קיין אנדער ברירה האב איך אליין געמוזט ווערען א
דראמאטורג און א קאמפאזיטאר אליין פארפאסט קינדער דראמאס, אליין
קאמפאזירט די מעלאדיען פאר די פארשיערענע ליעדער. און ווען איך האב
געזעהן אז עס איז געפאלען אויף מיר דער גורל צו ווערען א דראמאטורג,
האב איך נים געפינען קיין בעסערען מאטעריאל ווי די בייבעל מים איהר
רייכען אינהאלט פאר דראמאטישע פארשטעלונגען, אדער פון פאלקסלאר
פ[ו]ן יענע פאנטאסטישע פאלקס לעגענדעס, און דאס שאפט א צוויי פאכיגען
[illegible]ציי, אי עס ווערט ווידערהאלט די שטעלען פון דעם טייל וואס מען האט
[illegible]עלערנט אי מען לעבט דורך איין היסטארישע פאסירונג, און מען קריגט
א מאראלישען לעססאן.
און אלס לעהרער פון פיעלע יאהרען און האבענדיג צו טאן כסדר מים
קינדער האב איך געהאט די געלעגענהיים צו פאסען זיך א בעגריף פון די
קינדהיים, פארשטיין די קינדערישע נשמות, זייער שפראך, זייערע אידעאלען
און ווי צו רעדען פאר זיי מעהר נאטירליך ווי די גרויסע שרייבער.
אין בין ווי יענער בעל עגלה וועלכער האט געפירט אויף זיין וואגען
א רב אין א צווייטער שטאדט, אין פריהמארגען ווען זיי האבען זיך אבגע-
שטעלט ביי א קרעטשמע צו אפרוהען, דאווענען און עסען, און אויך להבדיל
געבען עסען די פערד. דער רב איז גלייך ווי דער בעל עגלה האט זיך אפגע-
שטעלט, אריין אין קרעטשמע געוואשען די הענד און גענומען זיך צום דא-
ווענען, ווייל דער בעל עגלה האט אויסגעשפאנט די פערד, געגעבען זיי עסען
און טרינקען, ארום געקוקט זיין וואגן, אנגעשמירט די רעדער, אלס ער איז
פארטיג געווארען מים דער ארבייט איז ער אויך אריין אין קרעטשמע גע-

באַפּט אַ דאַווענ, געגומען אַ גוטען שנאַפּס, אַפּגעגעסען פריישטיק און איז שוין געווען גרייט ווייטער צו פאָהרען, ער נעהם צו צום רב'ס חדר ערשט דער רב דאַווענט נאָך אַלץ, רבי, זאָגט יאַנקיל דער בעל עגלה, שוין צייט ווייטער צו פאָהרען, זאָג מיר יאַנקעל, פרעגט דער רב, האָסטו שוין געדאַווענט און געגעסען? יאָ, זאָגט יאַנקעל. וואָס דענקט איהר רבי, איך בין אַזוי ווי איהר וואָס קען נים קיין עברי? זאָג מיר יאַנקעל, פרעגט דער רב, פון וואַנעט ווייסטו צו זאָגען אַז איך קען נים קיין עברי? ס'איז נאָר פשוט, זאָגט יאַנקעל, פיעל זמנים, רבי, האָט איהר געלערענט עברי? איין זמן, ענטפערט דער רב, און נאָכהער גלייך חומש, תנ"ך, און דער נאָך גמרא מיט תוספות מיט מהרש"א — און צו 15 יאָהר בין איך שוין געווען אַ בקי אין ש"ס און פוסקים. אט דאָס איז מיט אייך די צרה, רבי, וואָס איהר קענט נים קיין עברי, זאָגט יאַנקעל, און איהר קענט נים פאַרטיג ווערען מיט'ן דאַווענען, איך האָב אָבער געלערענט בלויז עברי ביז 15 יאָהר און דערום קען איך גוט עברי און קען שנעל דאַווענען.

דאָס זעלבע איז מיט מיר, זיי די גרויסע שריפטשטעלער האָבען קיין מאָהל נים געהאַט צו טוהן מיט קינדער און ס'איז זיי נים געלונגען צו שאַפען עטוואָס פאַר קינדער. נים פרץ, נים רינגזאָהן, נים מענדעלע, נים שלום עליכם, נים ספעקטאָר ז"ל. זיי זיינען געווען די רבנים די גאונים אין דער אידישער ליטעראַטור, אָבער איך בין בלויז אַ בעל עגלה וואָס האָט כסדר צו טוהן מיט קינדער, און באַגרייף די פסיכאָלאָגי פון די קינדער.

אין דיזע קינדער דראַמאַס זיינען פאַראַן איינינע לידער וועלכע קענען געזונגען ווערען לויט דעם בעגריף פון יעדען פעהיגען לעהרער וועלכע זיינען פערספענטיילם אויך מוזיקאַליש. דיזע דראַמאַס זיינען זייער ערפאָלגרייך דורך געפיהרט געוואָרען מיט גרויס אפּלאָוז, און די פאָדערונגען פון די קינדער ווי אויך פון די עלטערען צו געבען וואָס אָפטער פאָרשטעלונגען האָט מיר געצוואונגען צו שאַפען אַלץ מעהר און מעהר, און געבעטען איך זאָל עס לאָזען דרוקען. איך האָב זיך געלאָזט איבערעדען און געה יעצט דרוקען דעם ערשטען טייל פון די קינדער דראַמאַס, און ווען איך וועל זעהן אַז איך וועל זיין ערפאָלגרייך מיט דיזען פראָבע-טייל וועל איך איה"ש ארויס געבען די איבעריגע וועלכע זיינען נאָך פיעל בעסער און רייכער.

הלל יעקב הורוויץ (הללי"ה) פּראָפעסאָר

# משפט שלמה

נעאדראמאטיזירט פארשטעלונג אין איין אקט, צוויי בילדער

## פערזאנען:

1 שלמה המלך

נענעראלען

2 נתן הנביא

3 בניהו

4 עזריהו בן נתן

5 בת שבע (שלמה'ס מוטער)

6 א מלאך

7 יהושפט (סעקרעטאר)

8 מלכת שוא

9 אמתא און שקרא (2 פרויען)

10 2 דאמס (פוסעס)

בעגלייטערונג (וויפעל מען וויל) סאלדאטען (וויפעל מען וויל)

## ערשטעס בילד

### פארברייטעט א קעניגליכען פאלאץ

עס הערט זיך א טריאומף נעזאנג, טרומפייטען שאלען, מען שריים: יחי המלך! דער פארהאנג ווערט אויפגעהויבען, און מען זעהט אריין מארשירען: דער קעניג שלמה אין פאראוים, נאכהער נתן הנביא, צדוק הכהן, דאן בת שבע שלמה'ס מוטער, נאכהער די נענעראלען בניהו בן יהוידע און עזריהו בן נתן פיהרענדיג איין גרויסע ארמיי, פיין פארמירט און מילעטעריש, וויים בלוי געדרעסט, (אין דיזען מארש קענען נעמען אנטייל פיעלע קינדער) אלס זיי מארשירען אריין צו טיילען זיי זיך אויף 2 רייהען איינע אונטער דעם קאמאנד פון בניהו, און איינע אונטער דעם קאמאנד פון עזריהו, וועלכע שטעלען זיך אוים פון ביידע זייטען פון טראן, דער קעניג בעשטייגט זיין טראן און זעצט זיך אויף איהר, ווי אויך זיין מוטער, צדוק הכהן און נתן הנביא, די נענעראלען שטעהען מים בלויזע שווערדען אלס די הויפט נארד

אלס זיי מארשירען אריין זינגען זיי פאלגענדען געזאנג :

הידד, הידד ! פאר אונזער פאטערלאנד
הידד הידד פאר אונזער הויכען שטאנד
מיט גאט און מיט זיין תורה
האבען מיר קיין מורא
מען קען אונז גאר נישט טוהן
מען קען אונז גאר נישט טוהן.
הידד, הידד ! פאר אונזער גרויסען פיהרער
הידד, הידד ! פאר אונזערע רעגירער
מיר וועלען אימער שטרעבען
אזוי גליקליך צו לעבען
אונטער ציון'ס פאן, אונטער ציון'ס פאן !
הויבט די ציון'ס פאנע,
די געטליכע מתנה,
פאר אונז אלס א יסוד,
טרייז זי צו בעשיצען,
אייביג זי צו בעזיצען.
שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד ! (פאלען בוקענדיג.

שלמה גיט א צייכען זיי שטעלען זיך צוריק.

## שלמה'ס טראן רעדע

יא, איך בין יעצט קעניג געווארען,
איך זיץ אויף א קעניגליכען טראן,
איך בין נאך א קינד גאר אין די יאהרען,
און טראג שוין א קעניגליך קראן
ווער קען זיך צו מיר גלייכען,
ווער האט אזא מאכט, אזא רעכט,
דאס העכסטע וואס א מענש קען ערגרייכען
ווען פירשטען זיינען מיינע קנעכט !
נאר, א ווי עס דריקט מיר די קראנע,
זי ליגט אויף מיין קאפ ווי א שטיין,
קען איך דען בעשיצען די פאנע
ווען כ'בין אזוי יונג אזוי קליין ?
האב איך דען רעכט צו זיין קעניג
ווען כ'בין אזוי ווייניג ערפארען,
מיר מאכען א פאלק אונטערטעניג
און פארהיטען א לאנד פון געפארען.
יא איך האב מאכט צו טוהן נאך מיין ווילען,

צו שפירצען צו הויבען הימען איך היל.
האב איך אבער שכל מיין פליכט צו ערפילען.
האב איך פארשטאנד און געפיהל?
מיין פאלק! ווי קען איך רוהיג זיצען,
ווען אזוי פיעל פיינדע זוכען נקמה,
בין איך דען אומשטאנד דיך בעשיצען
ווען יעצט ברעכט אויס א מלחמה?
מיין פאטער דוד דער העלדישער קריגער,
האט אונז צו דער הערבסטע שטופע געבראכט.
אין יעדער שטריים איז ער ארויס זיגער,
און האט זיך אויסשטערבליך געמאכט.
בין איך דען אומשטאנד דאס וועלבע צו טהון
בעגליקען מיין פאלק און מיין לאנד,
ס'איז אמת איך זיין אויפ'ן טראן,
אבער צו קליין איז דאך מיין פארשטאנד!

בלייבט שטיל קאפ געבויגען.

פלוצלונג דער זעהט זיך א שטראלענדע ליכטיגקייט, א מיידעל גע־ קליידעט אלס מלאך ערשיינט הינטער'ן טראן, האלט אין האנד א זאקעל (בוירטיש לייט) און זאגט ארויס:

„וואס פארלאנגסטו קעניג יונגער,
וואס איז דיין באגעהר?
גאלד, זילבער, חכמה, גבורה,
זאג מיין קינד ערקלהער!
קענסט יעצט וואס דו ווילסט עררייכען,
זאג, און האסט עס גלייך;
ווילסטו זיין א גרויסער חכם,
אדער ווילסט זיין רייך?
ווילסטו זיין א גרויסער גבור,
ווילסטו זיין א העלד;
זאג מיין קינד וואס איז דיר ליבער,
וואס איז דאס בעסטע אין דער וועלט?

שלמה איבערראשט בליקט אויף אלע זייטען ענדליך ענטפערט ער שלמה:

אה גרויסער הערשער פון דער וועלט,—
וואס אלעס איז ביי דיר אין האנד,
איך בעט קיין גבורה איך וויל קיין געלד
נאר גיב מיר חכמה און פארשטאנד.

איך זאל פארשטיין זי צו רעגירען.
ריכטיג מיין מלוכה פירען.
דאן וועט מיר קיין זאך פעלען
וועל אלעס האבען וואס כ'וועל וועלען!

מלאך:
נום מיין קינד האסטו געבעטען,
האסט באגריפען וואס דיר פעלט
דרום מיט חכמה וועל איך דיר זעטען,
וועסט זיין דער קליגסטער אויף דער וועלט.
און אויך קיין רייכקייט וועט דיר פעלען,
וועסט בעזיצען מאכט און קראפט;
קיינער וועט זיך אנטקעגען דיר שטעלען
אלע וועלען זיין ביי דיר פארשקלאפט.
די גאנצע וועלט וועט מיט דיר קלינגען,
אייביג וועט דיין נאמען בלייבען.
שיר השירים וועסטו זינגען,
קהלת, משלי, וועסטו שרייבען.
רעגיר און הערש מיט גאטעס ווילען,
ער קען זיין פאלק אויף דיר אנפרויען.
וועסט די שענסטע ראלע שפילען.
וועסט דעם בית המקדש בויען!

מלאך אפ
שלמה ערוואכט:
הא וואס איז מיט מיר יעצט געשעהן
איך פיהל זיך גאר ווי ניי באלעבט.
די גאנצע וועלט יעצט קען איך זעהן,
יעדע זאך פאר ביי מיר שוועבט.
איך פארשטיי די שפראך פון אלע טיהרע
בעגרייף פון פייגעלאך די שירה.
איך ווייס דעם ברום פון לייב און טיגער.
יא איך בין געווארען קליגער!
יעצט קען איך מיט שטאלץ רעגירען,
זיכער מיין מלוכה פיהרען.
איך פיהל זיך פאסענד פאר מיין פליכט.
גייסטיגקייט וועט זיין מיין רייכט.

(פארהאנג פאלט — ענדע ערשטעס בילד).

## צווייטע בילד

— יעצט איבערגאנג, מיט פייערן טעטער לייכטונג עס ווערט
געשטעלט צום קעניג, אז:

די מעכטיגע קעניגין פון דעם לאנד שבא
איז געקומען אהער צו דיר,
צו הערען דיין חכמה און זעהן דיין מאכט
זי שטעהט און װארט דא ביי דיר.

דינער:

אריין!

עס קומט אריין די קעניגין פון שבא אין באגלייטונג מיט איהרע פרינצעסינס.

שלמה געהט איהר אנטקעגען פארנייגט זיך העפליך און זאגט: ווערטע דאמע איז מיין לאנד, צו מיר און צו מיין פאלק, ווירדיגע קעניגין פון שבא, ער זעצט איהר נעבען זיך אויף איין טראן.

קעניגין פון שבא:

איך האב געהערט פון דיין חכמה דיין הערליכען מאכט,
דיין גרייכקייט, דיין שעהנקייט, דיין קעניגליך פראכט,
און האב מיך בעשלאסען צו קומען אליין,
דיך זעהן און הערען, און דיין חכמה פארשטיין.
איך וויל דיר יעצט פרעגען רעטענישען א פאהר,
די זאלסט מיר ערקלערען דייטליך און קלאהר:
וואס איז א הויז אן פענסטער און טיר
און מענשליכע פיסלען זיך געפינען און איהר.

שלמה:

דאס זיינען אבטהוים מיט א שאלאבין געהילט
און אינעווייניג זיי זיינען מיט קערנער געפילט.

קעניגין:

וואס איז א פעלד א ווייסע מיט שווארצען פערדעהם
און ווער עס עסט פון די פרוכט אלעם פארשטעהט.

שלמה:

די ווייסע פעלד דאס איז דאס פאפיר
פארזעהט מיט שריפטען אן א שיעור.

קעניגין:

מיין מוטער האט און זיך לעבען
איך אליין בין ווי א שטיין.
פאר מיין מוטער וואלט מען קיין פרוכט געגעבען
פאר מיר צאהלט מען טייער כאטש איך בין קליין.

שלמה :
באטש די מוטער איז א ראק, דאך איז די פערל נים קיין
בראק.

סעגינען :
מיין מוטער לעבט איך האב קיין לעבען
און לעבעדיגע קינדער דער וועלט וועל איך געבען.

שלמה :
די הון זי ברייננט קיין הינער נים
די הון זי לייגט בלויז אייער
און די אייער ברייען אוים
שוין הינדעלעך, אויך קרייער.

קענינען : גרויסער קעניג איך וואלט דיר נאך פיעלעס געקענט פרעגען נאר איך זעה אז ס'איז נים נויטיג, ס'איז אמת וואס די וועלט זאגט און קלינגט מיט דיר אלס דער גרעסטער חכם, וואייל איז צו דיין לאנד, דיינע מענשען, וואס ה' ביזט זייער הערשער, און נאט זאל אייך בענטשען.

עם ווערט געמעלדעט דאס צוויי פרויען ווילען האבען א דין תורה ביים קעניג.

קעניג :
אריין !

עם קומען צוויי פרויען, איינע חוצפה'דיג געקליידעט. די צווייטע איינ- פאך צנועה'דיג מיט ווירדע און חן.

ביידע האלטען דאס, איינע רעפרעזענטירט אלס טויטע קינד ווערט אוועק געליינט אויפ'ן סטיידוש. די צווייטע רעפרעזענטירט אלס לעבעדי- גע קינד ווערט געהאלטען ביי שפרא.

יהושפט (דער סעקרעטער) פארשרייבט זייערע נעמען און יאהרען דאן ווענדעט זיך דער קעניג צו דער צנועה'דיגער פרוי אמתא און פרעגט איהר קלאגע.

**אמתא** : איך און דיזע פרוי מיר ביידע וואוינען אין איין הויז דורך נעמיינשאפליכע אומשטענדען, מיט אכט טאג צוריק האב איך א קינד גע- בוירען, א ליבען שעהנעם זון, מיט בלאנדע הערעלאך, מיט בלויע אויגע- לאך, ווי א שעהנער מלאך'ל, איך האב צו מיין אומגליקליכען לעבען א טרייסט דורך דאס קינד נעפונען, און האב מיר אלס גליקליכע געשעצט.

אין דערזעלבער צייט האט אויך דיזע פרוי שפרא א זון געבוירען ליידער איז זי נים געווען פארזיכטיג געווען, און אין שלאף האט זי זיך אויף דאס קינד ארויף געליינט און האט עס דער שטיקט, און אלס זי האט זיך ערוואכט

פון איהר אומגליקליכען שלאף און האט דערזעהן איהר שוידערליכען פארברעך האט זי אויס שרעק פאר איהר שיקזאל, און אויס אויפעררונג צו מיר, פירכטענדיג דאס דער מאן וועט איהר פארלאכען און פארשטויסען, האט זי אין איהר פארצווייפלונג, אלס איך בין געשלאפען אומגעביטען די קינדער, ביי מיר האט זי איהר טויטעס פאלשעס קינד אוועק געלייגט, און צו זיך האט זי מיין לעבעדיגעס קינד גענומען. א קעניג, שטעל זיך פאר מיין שרעק אלס איך האב מיך ערוואכט און האב געוואלט געבען דאס קינד זיין נאטירליכע מוטער שפייז צו געניסען, און האב דער זעהן אז דאס קינד איז קאלט טויט. איך האב אין מיין פארביטערונג אנגעהויבען שרייען, און האלט דאס קינד אויף מיינע ציטערדיגע הענד, און בעטראכט אויפמערקזאם, ערשט איך האב בעמערקט און דער קענט אז עס איז ניט מיין קינד. איך האב מיר אנגעשטרענגט און בין צו געגאנגען צום בעט פון דיזע פרוי און האב דער זעהן דאס זי האלט מיין קינד וועלכער האט ביי דעם מאמענט אן געהויבען וויינען, איך האב זיין שטימעלע דערקענט אז דאס איז מיין קינד. און האב אנגעהויבען פאדערען פון איהר זי זאל מיר צוריק געבען מיין קינד, אבער זי האט מיר גאנץ פרעך געענטפערט אז דאס קינד איז איהר׳ס און מיינס איז דאס טויטע קינד. א קלוגער קעניג איך פאדער אז דיזע פרוי זאל מיר צוריק קערען מיין טייער קינד, מיין קינד מיין קינד (ברעכט אויס אין א געוויין).

קעניג (צו שקרא) וואס האסטו צו זאגען.

שקרא : ניין, עס איז א ליגען, איך מיז דאס איהר בעשטרייטען
קען דען א מוטער בעטריגען איהר אייגענס קינד פארביי.
טען ?

אפרעמדעס קינד וועט מיר ניט וואריטען,
אייב מיין אייגענס איז טויט
און וועט מיינע הענד וועלען אומארמען
וואלט איך פיהלען נאך מעהר נויט.
מען קען קיין מוטערליכע געפיהלען
צו א פרעמדעס קינד אויסדריקען,
איך וואלט מיין הארץ ניט קענען שטילען
און פרייען זיך מיט פרעמדע גליקן.
און ווי שטארק עס זאל מיר אר[illegible].
וואלט איך דאך דיך מוזען בויגען
איך וואלט אליין דאך זיך ניט נארען
א פרעמדעס קינד זאל איך געבען זויגען.
און דערום בין איך גאנץ זיכער,
אז דאס טויטע קינד בעלאנגט צו איהר

אין דאס לעבעדיגע קאסט מיר.

דער קעניג טראכט איינעגע סעקונדען דאן זאגט ער:

עס איז שווער צו ענטשיידען. צווישען אייך ביידען

העלפען איז נערעכט.

דערום איז מיין בעשלוס, עס זאל נים זיין קיין פארדרוס.

נאר פאר ביידען זאל זיין רעכט.

בניהו! נעם ארויס דיין שווערד פון שייד,

האלב מים דאס קינד נים קיין מיטלייד,

צו שניידען דאס קינד אויף גלייכע צוויי

און צו טייל עס צווישען זיי!

בניהו נעמט דאס קינד און איין האנד און ...

דעם שווערד אין דער צווייטער, גרייט צו שניידען.

אלס שקרא זאגט:

גאנץ ריכטיג און קלוג איז דעם קעניגס אורטייל

מען זאהל עס פינקטליך דורך פיהרען

צו שניידען דאס קינד אויף גלייכע טייל

איך וועל קיין שמערצען שפירען.

אמתא לויפט צו און גרייט בניהו'ס האנד

פאלט אויף די קני און שרייט און וויינט:

ניין, ניין! איך קען עס נים פארליידען!

איך וועל דאס קינד נים לאזען שניידען!

זאל דיזע פרוי דאס קינד האבען,

אבי גאנץ און לעבעדיג זאל עס בלייבען.

איידער עס זאל זיין טויט און בעגראבען,

און איך וועל פון ווייטען נחת קלייבען.

זאל מיין קינד לעבען וואגאר און נים,

איידער איך זאל זעהן עס טוים.

עס קען מיין נאטירליכע מוטער-ליבע

דאן מיר נים ווערען איבעגעריסען.

און וואו מיין קינד עס זאל זיך נאר געפינען

וועט מיר נים ארען וואגאר דאס איך וועל וויסען

אז א פרעמדע פרוי האט עס אין זינען

און וועט אייך פון איהם נחת געפינען.

זאל דאס קינד לעבען. נים עס צו איהר

איך וועל צופרידען זיין און שווייגען.

איך אלס מוטער וועל אייך דאנקען דאפיר

דער אמת וועט זיך דאך איבערצייגען.

(האלט בניהו'ס האנד און לאזט ניט שניידען).

אלס דער קעניג רופט זיך אן צו בניהו:

בניהו! גיב דאס קינד צו אמתא די נאבעלע פרוי,
זי איז זיין ריכטיגע מוטער.
און שקרא זאל ווערען מיט שאנדע ארויסגעפיהרט!
שקרא פאלט אויף די קני און זאגט:
דער קעניג זאל אייביג לעבען —
איך האף דו וועסט מיר פארגעבען
מיין גרויס פארברעכען און זינד.
איהר מעגט מיר זיכער גלויבען
אז איך האב ניט געוואלט בערויבען.
פון דער מוטער איהר קינד.
איך האב נאר געוואלט אז הערך מיר
זאל מען זעהן אין דיר
דיין גרויס חכמה און פארשטאנד.
און יעצט וועלען אלע אידען
זיכער זיין צו פרידען
דאס דו ביזט דער קעניג פון לאנד.

אלע שרייען אויס יחי המלך!

דאן שטעלען זיך ביידע פרויען און זינגען דיזע ליעד.

## מוטער געזאנג

מיט א מוטערס געפילען
זאלט איהר ניט שפילען
זי קען קיין מאל איהר קינד ניט פארגעסען
א קינד איז איהר נחמה
א טייל פון איהר נשמה
די ליבע וואס מען קען ניט פארלעשען.

רעפריין:

ליעבט די מוטער, קינדער,
זי איז געטעס וואונדער,
דאס איינציגע טרייסט אויף דער וועלט
האט איהר נאר א מאמע,
פילט איהר דאך מסתמא
אז קיין זאך אייך ניט פעלט.
זי מאכט קיין חכנות
אין די גרעסטע סכנות

פארהיטען דאס קינד פון געפאר
און איהר איינציגעס שפרעכען
אין איהר גאנצעס לעבען
דאס קינד זאל נים האבען קיין צער.

רעפריין :

ווען איהר זיים צו טראגען
די ציים טוהם אייך פלאגען
דאס לעבען איז גאר נים קיין גוטער
איז דאס אלץ קיין חסרון
איהר האם קיין זאך פארלארען
אייב נאר איהר האם נאך א מוטער

רעפריין :

ווען איהר זיים פאראכטעט
די וועלט אייך פארדאכטעט
אין א פארברעך און א זינד,
דאך ביי אייער מוטער
זיים איהר אלץ דער גוטער
טייערער עדליכער קינד.

רעפריין :

ליעבט די מוטער, קינדער . . . .

(ענדע — פארהאנג פאלט)

# חנה ושבעת בניה

## חנה און איהרע זיבען זיהן

א חנוכה דראמא פאר קינדער אין 3 אקטען מיט 3 בילדער.

### פארווארט צו די קריטיקער

אין דיזע דראמא האב איך איינגעפלאכטען צו ר' אלעזר'ן די ווערטער אין מישל פון דעם גרויסען תנא ר' עקיבא צו פפוס בן יהודא, ווייל אבוואל די פערזאנען זיינען אנדערע אבער די בעגע־בענהייטען זיינען די זעלבע, אויך ר' אליעזר איז געשטארבען א מארטירער אזוי ווי ר' עקיבא. מענעלאס האט געשפילט די זעלבע נידעריגע ראלע ווי פפוס, און אזוי ווי דער אונטערשיעד איז נאר אין דער קורצער צייט וואס איז דורך געלאפען פון די חשמונאים ביז בר כבבא, האף איך אז דער הייליגער תנא ר' עקיבא וועט מיר ניט רעכענען פאר א זינד בענוצענדיג זיין הייליגען משל ווייל מיין כונה איז א גוטע. און די קריטיקער וועלן מיר ניט בעשולדיגן אין ניט היסטארישע פינקטליכקייט — המחבר.

### ערשטער אקט, ערשטעס בילד

פ ע ר ז א נ ע ן:

אנטיכוס (קעניג)

(גענעראלען)

ליזיאס

גארגיאס

פיליפוס

ניקנאר

מענעלאס (פארעטערישער כהן גדול)

ר' אליעזר (א ראש ישיבה)

חנה און איהרע 7 זיהן

יהודא המכבי מיט איין ארמיי

א קעניגליכער פאלאץ אויס'ן טראן זיצט אנטיכוס ארום איהם זיינע גענעראלען : ליזיאס, ניקנור, גארגיאס און פילפוס.

אנטיכוס רעדט :

ניין דאס קען אזוי נים בלייבען
איך מוז דאס אידיש פאלק צו ברעכען,
אדער זיי אין דער ווילדערניש פארטרייבען.
און ווי די חיות זיי דערשטעכען.
ווייל דאס אידיש פאלק איז קלוג געוואנען
עס וויל זיך–בלינד נים לאזען פיהרען
און עס וועט נימאלס אנערקענען.
מיר אלס גאט          אויף זיי רעגירען.
און דאס איז פאר מיר א גרויס חסרון
דאס צו שטערט מיין גאנצען פלאן
און מוז אנווענדען מיין האס און צארען
און האנדלען מיט זיי ווי א טיראן.
אלע פעלקער זיינען הים, פארווילדעט,
האבען ליסט צו מארדען רויבען,
זיי זיינען קיינער נים געבילדעט,
און אלע הסתיימען זיי גלויבען
דערום קען איך גאנץ לייכט זיי מאכען גלייבען
אז איך בין איסער קעניג איך א גאט.
נאר דאס אידיש פאלק זאגט גאט איז איבען,
און פון מיר מאכט עס נאר שפאט.
אלס א קעניג קען מען מיך בעזיגען
ווען איך זאל ארויס אין שטרייט,
אלס א מענש קען מען מיך בעטריגען
און מיר נארען פון דער זייט.
אבער ווען איך וועל מיר פראקלעמירען
אלס א וועלט הערשער, אלס גאט,
דאן וועל איך פון שרעק רעגירען
און ערפילט מוז ווערען מיין געבאט !
ליידער שטעהט דאס אידיש פאלק מיר ווי א דארען
וועלכעס לאכט אויס מיר און מאכט נאר שפאט,
און איך מוז אנווענדען מיין גאנצען צארען
אויך איהם מאכען גלויבען דאס איך בין גאט.
ליזיאס ! נעה פראקלעמיר אין אלע גאסען

אז איך אנטיוכוס בין א גרויסער נאַם
קיינער מאַר דערפון נים שפּאַסען.
ערפילם מוז ווערען מיין געבאַט!

ליזיאַס פאַרנייגט זיך און טרעט אַרויס פון קעניג און שטעלט זיך צום פּובליקום און פּראָקלאַמירט:

אין נאָמען פון קעניג אנטיכוס דעם גרויסען
זאָג איך אייך אז וואָס ער האָט מיר געהייסען:
אז אלע זאָלען גלויבען אז ער איז א גאָט.
און יעדער זאָל פאָלגען זיינע געבאָט.
דיין בילד זאָל מען איבעראַל אויפשטעלען
און מען זאָל זיך צו איהם קניען און בעטען
מען זאָל טאָן אלעס וואָס איהם איז געפעלען
קיינער מאַר נים וואַגען פון איהם שפּאַסען.
קיין איד זאָל מעהר שבת אָפּהיטען
מען זאָל די—אָן נים לאָזען בעשניידען
קיינע אנדערע דינים אנדערע זיטען
וויל דער גאָט אנטיכוס ווייס עס נים ליידען.

ליזיאַס צום קעניג:
געטליכער קעניג איך קען דיר ערקלערען
אז מיר האָבען ערפילט דיין געבאָט
און איבעראַל וואו מען זאָל זיך קערען
גלויבען אלע אז דו ביזט א גאָט.
מיר האָבען די אידען נים פאַרשעלט
און אין זייער בית המקדש דעם הייליגען אָרט
דיין בילד מיט געוואַלד אריין געשטעלט,
און זייער תורה ארויס געוואָרפען פון דאָרט
און מיר האָבען פאַרבאָטען זיי צו לערנען תורה
מיר האָבען זייערע הייליגטימער פאַרשוועכט
מיר האָבען פאַרלאָשען די מנורה
אלעס ערפילט נאָך דיין רעכט!
(פאָרהאַנג פאַלט)

## צווייטער אקט

שטעלט פאָר א ישיבה אין וועלכער עס זיצט ר׳ אליעזר א גרויז גראָהער מאַן מיט א פּאַטריארכאַליש לאַנגע באָרד אלס ראש ישיבה. ארום טיש זיצען פיעלע תלמידים. עס נעהט אריין פינעלאָוס דער כהן גדול און הערט ווי זיי זינגען ראָן דאָס ליעד:

אלע תלמידים אין כאהר :

מיר לערנען די תורה
מיר האבען קיין מורא
פאר אונזערע שונאים און פיינד
די וועט אונז אויסהיטען
פון די אנטיסימיטען
ווייל גאט איז אונזער פריינד

ר' אליעזר :

עס וועט קיין פאלק נים בעליקען
אונז צו ערמארדען דער שטיקען
זיי קענען אונז שלאגען און רויבען
מיר האבען געענט שמאלץ און מומה
צו לאזען פארניסען, זיך בלום
און נים אויף געבען דעם גלויבען

תלמידים

אמת
אמת
אמת
אמת
אמת
אמת

אלע אין כאהר :

און מיר לערנען די תורה א. ג. וו.

ר' אליעזר :

נים איין עמלק און המן
האבען אויף אונז געמאכט פראגראמען.
מען האט אונז געיאגט און געטריבען
דאך זיינען מיר אלע גאנץ
פריש און אונזער גלאנץ
און פון זיי איז קיין זכר געבליבען.

תלמידים

אמת
אמת
אמת
אמת
אמת

אלע אין כאהר :

און מיר לערנען די תורה א. ג. וו.

ר' אליעזר :

דאס תלבע וועט זיין מיט אנטיוכוס
ער איז ביי אונז קיין מיוחס
מיר שרעקען זיך נים פאר די יונים
עס וועט קומען אויף זיי א מפלה
און פאר אונז וועט זיין א הצלה
פון אלע אונזערע שונאים.

תלמידים

אמת
אמת
אמת
אמת
אמת
אמת

תלמידים :

אמת, אמת, אמת, אמת.

אלע אין כאהר :

און מיר לערנען די תורה א. ג. וו.

מענילאוס צו ר' אליעזר'ן :

האסט נאר קיין מורא
פאר דעם קעניג'ס גזרה
דו א פאלקס פארטרעטער !
בעגעהסט דו איין עבירה
מיט דיין לערנען די תורה
דו ווערסט א לאנד'ס פארריעטער ! —

ר' אליעזר צו מינעלאוס'ן :

איך האב געדענקט אז דו ביסט, קלוג
יעצט זע איך אז דו ביזט א נאר
דו האסט נאר שכל אויף בעטרוג
היטען זיך פון א געפאהר.
און עס טוהט מיר זייער לייד.
נאר הער זיך צו, צו מיינע רייד :
א הונגעריגער פוקס איז ביי א טייך געשטאנען
און האט געהאלטען אין איין פלאנען,
בעטראכטענדיג די פיש אלין מעהר און מעהר
ווי זיי שווימען ארום אהין און אהער.
און ליידער קען ער ניט ערפילען זיינע פארלאנגען
כאטש איין קליין פישעלע צו פאנגען.
און ער פאנגט אן מיט זיין פוקסען שפראך צו ריידען :
א פיש, איך האב געקענט נאך אייער עלטער ווידען.
מיר האבען זייער גוט געלעבט צו זאמען
מיט אלע אייערע שטאמען
זאגט מיר וואס איילט איהר אזוי אין שרעק
פון וועמען לויפט איהר דאס אוועק ?
אה ! זאגען די פיש :
מיר איילען זיך אין שרעק
מיר לויפען עס אוועק
פאר די נעצען וואס זיינען אויס געשפרייט
אונז צו פאנגען מאכען טויט.
אויב אזוי, זאגט דער פוקס, זייט איהר עס ווערט !
קומט ארויס צו מיר, אויף דער טרוקענער ערד,
און מיר וועלען לעבען פריידליך אלע גלייך !
צו וואס דארפט איהר דעם קאלטען טייך !

עה, האגעךדי פיש, דו לויטעמער פוקס
די דענקסט אז דו ביזט קלוג
דאס איז ניט מעהר ווי א בעטרוג
ווען אין ארט וואס איז אונזער חיות
זיינען מיר אויך ניט זיכער
דאן אויף דער טריקעניש
גאר אן שהיות
וועלען מיר נאך שטארבען גיכער
און דו וואס ווילסט מיט אונז גאר פריינדשאפט שפילען
וועסט מיט אונז דיין מאגען דאן אן פילען.
דאס וועלבע מינעלאוס איז מיט אונז אידען
ווען היטענדיג די תורה וואס איז אונזער לעבען
דאך קומט אונז אויס צו ליידען
ווען מיר וועלען ניט היטען די תורה
וועט מען אונז זיכער דאן פארשניידען
גיה זיך מינעלאוס מיט דיין פינסטערעס אביבט
און מיר וועלען טאן אונזער הייליגעס פליכט !

אלע זינגען :

און מיר לערנען די תורה
מיר האבען קיין מורא
פאר אונזערע שונאים און פיינד
זי וועט אונז אויס היטען
פון די אנטיסעמיטען
ווייל נאס איז אונזער פריינד !

עס ענדעט זיך די מיר ון פאליציי קומען אריין און מען ארעסטירט ר' אליעזר'ן מיט די תלמידים

(פארהאנג פאלט)

## דריטער אקט

רעם קעניגס פאלאץ. מען פיהרט אריין ר' אליעזר'ן געשמידט אין קייטען בעפאר דעם קעניג.

ווארום האסטו מיר ניט געהערט
און האסט געלערענט תורה
האסט מיין בעפעל געשטערט
און ניט ערפילט מיין גזירה.

ר' אליעזר :

איך פאלג נאר מיין בורא
דערום האב איך קיין מורא
און קענסט מיר מיט קיין זאך דער שרעקן,
איך גלויב נאר אין גאט
און פאלג זיין געבאט
ער האלט איך איך דיר גרייט א שטעקן

אנטיכוס צו ר' אליעזר'ן :

איך וועל געמען פלייש געשוחט'ן כדין
געווייקט און געזאלצן נאטירליך
איך כשר געמאכט אלין נאך דיין דין
פארברייטעס ריכטיג איבפיהרליך
די מענטשן זיי וועלן ניט וויסן דערפון
און דענקען אז דאס איז חזיר
וואס דו האסט געגעסן דורך מיין בעפעל
עס וועט הייסן אז איך דו גלייבסט אין מיר.

ר' אליעזר :

ניין קעניג, אומזיסט דיינע רייד
מיר שרעקן ניט קיינע געפארען
מען קען אזא מענש ווי דו מאכען גלויבען
אבער ניט אינזער גאט קען מען נארען.

אנטיכוס :

דערום זאל מען דיר מיט פלייסען
דיין לייב מיט אייזערנע קאמען רייסען
און ווען מען וועט שוין רייסען מער ניט קענען
דאן ערשט זאל מען דיך פארברענען.

ר' אליעזר :

איך האב יעדען טאג פרי און נאכט
שמע ישראל געזאגט און האב געטראכט
ווי גליקליך וואלט איך געווען צו צייגען
ווי הויך מיין אפפערונג קען שטייגען
דאס זאגאר דער טויט וועט מיר ניט שטערען
דעם "שמע ישראל" צו לאזען הערען.
און יעצט האט ערדייכט די גרויסע שטופע
איך בין בעגייסטערט שטארק נתפעל
רייסט מיין קערפער ! ס'איז מיין תרופה
גאט איז אמת ! שמע ישראל !

פאלט אום. מען ליינגט איהם ביים זיים פון סטיידזש. מען מעלדעט צום קעניג אז מען האט געבראכט די מוטער וועלכע האט איהרע 7 קינדער געשיקט לערנען ביי ר' אליעזר'ן.

אנטיכוס : ברענגט זי אריין !

חנה שטעלט זיך דרייסט פאר'ן קעניג.

קעניג : וואס איז דיין נאמען ?

חנה : חנה.

קעניג : האסטו א מאן ?

חנה : ניין, איך בין איין אלמנה.

קעניג : וואס איז דיין ארבייט ?

חנה : איך קויף און פארקויף פרוכט.

קעניג : וויפיעל קינדער האסטו ?

חנה : איך האב זיבען קלוגע געראטענע זיהן.

קעניג : וואס טוהען זיי ?

חנה : זיי לערנען תורה.

קעניג : האסטו נים געהערט פון מיין בעפעהל אז מען זאל נים לערנען קיין תורה ?

חנה : יא, אבער ס'איז דא א בעפעהל פון א העכערען פון דיר וואס מען מוז יענעם בעפעהל בעסער פאלגען.

קעניג : ווער איז דאס העכער פון מיר ?

חנה : דאס איז דער אלמעכטיגער גאט וואס האט בעשאפען די גאנצע וועלט און אויך אזא לומפ ווי דו.

קעניג : וואס האט ער דען געזאגט ?

חנה : ולמדתם את בניכם, ושננתם לבניך. און זיין געבאט האב איך געפאלגט.

קעניג : פרוי, דו רעדסט צו פרעך, דו האסט דעם טוט פארדינט. נאר דאס וועט דיר געשעהן שפעטער, איך וועל פריהער דיר לאזען זעהן מיט דיינע אויגען, ווי איך וועל אלע דיינע קינדער טוים אוועק לייגען, און נאכהער וועל איך דיר טויטען. נאר סיידען דיינע קינדער זיינען קליגער פון דיר, און זיי וועלען נים זיין קיין פאררעטער, און וועלען גלויבען מיינע געטער.

חנה : ניכער וועט פון דיר גאר נים ווערען, איידער מיינע קינדער וועלען דיר צו הערען.

קעניג : (אין גרוים צארען) ברייגנט אריין דעם עלטסטען זון !

קעניג : צום ערשטען קינד :
דו האסט געהערט פון מיין בעפעל
דו זאלסט ערפילען עס גאנץ שנעל!
דו זאלסט אין מיר אליין נאר גלויבען
נים אין נאט וואס איז נאר אויבען
אויף מיין בילד זאלסטו נאר קוקען
און צו מיר זאלסטו דיך בוקען!
אנטווארט פון ערשטען קינד :
ניין! איך קען דיך הערען בלויז אלס קעניג, און אלס קעניג פאלגען דיין געבאט. וועסט אבער מיר נים מאכען אונטערטעניק צו אנערקענען דיך אלס גאט.
אנטיכוס : דאן זיי געפאסט און מאך זיך גרייט, און זאלסט ווערען גלייך געטויט!
דער תליון שטעלט אריין א שפיז (פון פייפער) אין קינדס הארץ, דאס קינד פאלט אום, און 2 טראגען איהם אוועק און מען לייגט איהם ביים זיים פון ר' אליעזר'ן.
אנטיכוס : ברייננט אריין דעם צווייטען!
צ.ם צווייטען :
פיליכט וועסטו זיין קלינער פון דיין ברודער
און וועסט נים מאכען קיין געדודער
וועסט ערפילען מיין געבאט
און צו מיר זיך בוקען אלס א גאט.
וועסט אויך דיינע אידעשקייט פארגעסען
און שווייגען פלייש וועסטו יעצט עסען.
אנטוואָרט פון צווייטען קינד :
האסט א טעות, אויך דו ביזט שטערבליך, דיינע געטער זיינען שטערבליך, דיין וועט בלייבען מיין געוויסען און וועל נים עסען קיין טריף ביסען!
אנטיכוס : דאן זיי געפאסט און נעם דיין שטראף, און צו דיין לעבען קומט א סוף!
(מען טוט מיט דעם אויך דאס זעלבע ווי מיט דעם ערשטען). –
אנטיכוס : ברייננט אריין דעם דריטען!
אנטיכוס : פיליכט וועסטו נים וועלען יונגערהייד ווי דיינע ברידער זיין געטויט. ווייל זיי זיינען געווען פארדעסטער און נים געגלויבט אין מיינע געטער
אנטוואָרט פון דריטען קינד :
עס איז פארשריבען אין דער תורה אז דינען אפגעטער איז איין

עבירה און פונקט ווי מיינע ברידער בין איך גרייט אויף קדוש השם צו זיין געטויט.

אנטיכוס: דאן זיי געפאקט און מאך זיך גרייט און זאלסט ווערן גלייך געטויט.

אנטיכוס: פיהרט אריין דעם פערטען!

צום פערטען קינד:

פליינט וועכטו מיר זיין געטריי נים ווי דיינע ברידער די דריי. וועלבע ליגען דא טויט פאר דיינע אויגען און די וועסט זיך פאר מיר בייגען?

אנטוואָרט פון פערטען קינד:

מיינע עלטערע ברידער זיינען געוועזן פיל קלענער פון מיר, און איך וועל דערום נים זיין קיין בעסטערער, איך בין מיט מיין גלייבען גאנץ קלאהר, און איך וועל נים אפטרעטען אויף קיין האר.

אנטיכוס: דאן זיי געפאקט און נעם דיין שטראף און צו דיין לעבען קומט א סוף.

אנטיכוס צום פינפטען:

קינד דו האסט געפונען ביי מיר חן, איך האף וועסט מיר פאר־שטעהן, און וועסט זיך בוקען צו מיר, זאנסט וועט מיט דיר געשעהן, דו קיינסט עד יעצט זעהן, דיינע טויטע ברידער די פיער.

אנטוואָרט פון פינפטען:

קיינעם נים ערוועקען און מיר קיינע שרעקען. איך געה צום טויט מיט מוט. גאט וועט דיר שטראפען אזוי ווי איך האפע, ווייל דו פארגיסט אומשולדיג בלוט.

אנטיכוס: דאן זיי געפאקט און מאך זיך גרייט און דו זאלסט ווערן גלייך געטויט.

אנטיכוס: ברייננט אריין דעם זעקסטען!

אנטיכוס צום זעקסטען קינד:

קינד באטראכט נאר נום דעם סוף פון דיינע ברידער ווייער שטראף פאר זייער נארישען שטאלץ, ווי זעע דו נים קיין נאר, און מייד אויס דיזע געפאר און בוק זיך צו דיזען האלץ.

אנטוואָרט פון זעקסטען קינד:

דער טויט פון מיינע ברידער איז ווירקליך א שאד, דאס האט מיט דיר נעדארפט זיין גראד, נאר איך האף עס וועט זיך איבער דרייען די ראד, דער ווייל: שמע ישראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד!

אנטיכוס: דאן זיי געפאקט און נעם דיין שטראף, און צו דיין לעבען קומט א סוף.

אנטיגוס פול מיט צארענדיג עקסטאזע הייבט ארויף פירען דעם זיבענטען קינד, וועלכען ער בעטראכט איהם, און זאגט צו זיך אליין:

עס איז ווירקליך א זינד
צו טויטען דיזעס קינד
עס וועט מיר פלאגען מיין געוויסען
זיין יונגעס בלוט פארגיסען
איך וויל זיין מוטער בעטען
זי קען זיין לעבען רעטען
זאל זי איהם ערקלעהרען
אז ער זאל מיר צו הערען.

צו חנה'ן:

די זעקס וואס פון דיינע קינדער איז געוואָרען
די האבען זיי אלע אין איין טאג פארלאָרען
זאג אליין איז דאס ביי דיר רעכט
א מוטער זאל זיין אזוי שלעכט :
צו זעהן ווי איהרע קינדער ווערען געטויט
און זי האט איהם זיי נאר ניט קיין מיטלייד
ליידען די האבען קיין מוטערס געפיהל
און פארשטעהען ניט לעבענס ציהל
די ביזט אין דיין שכל גאנץ אָרעם
אנשטאט וואס די זאלסט שטרעבען
קינדערשע שמחות דער לעבען
גראבסטו פאר זיי נאר קברים.
נאר איין קינד איז דיר געבליבען
פון אלע דיינע זיבען
איך וויל איהם פון דיר ניט פערטרייבען
זעה די מיט איהם ריידען
מז די איהם בעשיידען
און נעמען אונזער גלויבען.

אנטוואָרט פון חנה'ן :

רשע, די רשע די ווילדער טיראן
איך פארשטעה גוט דיין פארדארבענעם פלאן
די וועסט ניט ערדרייבען דיין ציהל
די קענסט ניט באגרייפען דאס הארץ פון א מאמען
איך וויל מיט מיינע קינדער זיין צו זאמען
און די גיה און ווייטער מיט דיין בלוטיגעס שפיהל.

חנה ווענדעט זיך צום קינד און זינגט איהר אבשיידעס ליעד :

# חנה'ס ליעד

ליבער זון געטרייער
פאר דיר יעצט שטעהט
פון איין זייט א לעבען א פרייער
פון צווייטען זייט א שרעקליכער טויט
הער זשע מיינע רייד
פאלג מיין קינד מיר
איידער איך האב זיך געשיידעט
דעם לעצטען מאל פון דיר

2

געלוסטען גליקליך לעבען
איז א דומהייט איין אבער
דאס האט נאר גאט געגעבען
אין חיות די נאטור.
אבער א מענש מיט געפילען
דארף קיין מאל זיין שלעכט
דאס גאנצע לעבען פארשפילען
אבי מאן וואס איז נאר רעכט

3

דו האסט דאך יעצט געזעהן
פון דיינע ברידער דעם שרעקליכען סוף
וואס מיט זיי איז נעבאך געשעהן
אזא אוממענשליכע שטראף
אין דיר קען זיך דערוועקען
א געדאנק, א נים קיין גוטער
א איך טו זיך שרעקען
איך אומגליקליכע מוטער.

4

זאלסט אויף דיינע ברידער קוקען
ווי א שטאלצער מאן
און זאלסט זיך נים בוקען
צו אנטיכוס דעם טיראן.
נעה מיין כשר'ה נשמה
פארליר נאר נים דיין מוטה
גאט וועט נעמען נקמה
פאר אייער יונגעס בלוט.

נאָך וועט איהם בעצאָהלען
ווי ער האָט פאַרדינט
ער וועט ווערען געשוואָלען
און פרעסען וועלען איהם הינד,
עס וועט פאַלען פון איהם שטיקער
אזוי ער'ט שטיין און געהן
און וועט שטאַרבען ווי א שבור ליעגענד גאַנץ אליין.

אַנטוואָרט פון קינד מיט דעם זעלבען מאָטיוו:

מוטער האָב קיין מורא
ער וועט מיר ניט אָפּקערען
פון אונזער גאָט דעם בורא
אזוי טו איך דיר שווערען
איך וועל פון מיינע ברידער
זיך ניט לאָזען שיידען
איך וועל די זעהן ווידער
דאָרטען אין גן עדן.

די מוטער קושט דאָס קינד און שטעלט איהם ביים קעניג.

אַנטיכוס צום קינד:

דו ביזט נאָך יונג און קליין
דו האָסט ביי מיר גרויס חן
איך וועל דיר ניט קריינקען
בלויז אכט מיר און שען
גלויב אין מיין גאָט
און איך וועל דיין לעבען דיר שיינקען.

ענטפער פון קינד:

וועה דעם שטאָלצען קעניג
וואָס פאַר איהם איז ווענינ
דעם כבוד וואָס ער האָט
און ער וויל נאָך בערויבען
דעם מענש און זיין גלויבען
און זיין אמת'ן גאָט.

קעניג צום קינד:

קינד, דו רעדסט מיט גרויס פאַרשטאַנד
און מאַכסט דאָך מיר צו שאַנד
און דאָס קען איך ניט ליידען

איך זעה אז דו ביזט קלוג
איך וועל הרך א בעטרוג
דיזע שאנדע פארמיידען
קענסט לייכט דיין לעבען וואהלען
איך וועל מיט אביזיכט לאזען פאלען
מיין רינג, דו זאלסט עס אויפהייבען
די מענשען וועלען מיינען
אז דו טוסט מיר בעשוינען
און נעמסט אן מיין גלויבען

קינד'ס אנטווארט :

עס טוט מיין הארץ מיר קלעמען
פון האס צו דיר און שפאט
פאר מענשען מוזסטו זיך שעמען
און שעמסט זיך ניט פאר גאט.
קענסט מיר ניט איבערריידען
פון אונזער גאט זיך שיידען
מיך שרעקען ניט קיינע געפארען
בלויז דומקעס נאראים
אומהויסענדע פראים
זיי קענסטו נארען
יעצט ווילדער טיראן
ענדיג דיין פלאן
קום צו דיין בלוטיגען ציעל
איך קען ניט קוקען אויף דיר
ענדיג דיין טייפעלשע שפיל
טויט גיכער אויך מיר

אויך ער ווערט געטויט.

אנטיכוס ווענדעט זיך דאן צו חנה'ן און זאגט :

עס איז פארשריבען אין דיין תורה
אז עס איז א גרויסע עבירה
אין איין טאג צו טויטען מוטער און קינד
דו וועסט קריגען דיין לוין
מארטען גאנץ שעהן
איך וויל ניט בעגעהן קיין זינד

חנה ענטפערט :

כא, כא, כא ! דו האסט מורא
פאר איין עבירה

די בלום דאַרשטיגער ברום ?
און בײַ דיר איז קיין פאַרברעכן
צו מאָרדן און שטעכן
און פאַרגיסן אומשולדיגע בלום
אַ זאָל קומען אויף דיר די ראַכע
פון די אָרימע און שוואַכע
שרעקליך זאָל זיין דיין סוף
זאָל אויף דיר פאַלן מיין קללה
זאָל קומען אויף דיר אַ מפלה
אַ שרעקליכער פינסטערער סוף !

זי פאַלט טויט בײַ איהרע קינדער.
אין דעם לויפט אַריין האַסטיג אַ שליח געשיקט פון ליזיאַס-און מעלדעט
פון דער גרויסער מפּלה וואָס זיין אַרמיי האָט געהאַט דורך יהודה המכבי".

שליח :

אַ גרויסער נאַ נאַ גאַמער
מיר הערען פון דיר פּטור !

אנטיכוס :

האַ ! וואָס איז געשעהן
וואָס איז געזוען ?

שליח :

עס איז שלעכט
דיין קעניגרייך ברעכט !

קעניג :

וואָס האָט געטראָפען
פון וואָנעם ביזטו אַנטלאָפען ?

שליח :

עס האָט איין אומגליק פּאַסירט
דאָס אידישע פאָלק האָט רעוואָלטירט : —
אין דער קליין שטעדטעל מודעית
דאָס אויפגעפלאַקערט דער גרויסער פלאַם
וואָס אנגעצונדען האָט אַ רייטע
פון דעם חשמונאים שטאַם
זיי האָבען דעם גענעראַל אפּילאָס געטויט
צו זאָמען מיט דעם אידישען פאַררעטער
דערפאַר וואָס ער האָט זיי געצווינגען
צו גלויבען אין אונזערע געטער

עס איז אויפגעשטאנען מתתיהו דער אלטער פריסט
מיט זיינע פינף העלדישע זיהן
און מאכען פון דיין ארמיי א תל און וויסט
וואו נאר זיי קומען אהין.
יהודה המכבי א העלד אין גייסט
גייהט מיט איין ארמיי שטאלץ און דרייסט
זיי האבען אראפגעווארפען פון זיך דיין יאך
יא עס קומט אויף דיר א גרויסער בראך

עס הערט זיך דער טריאומף מארש פון יהודה המכבי מיט זיינע מענ־
שען וועלכע מארשירן אריין ווייל אנטיכוס לויפט ארויס.

מכבי״ער געזאנג

דאס פאלק איז בעפריים
דער בית המקדש בעניים
צוריק אין זיין הערליכען גלאנץ
עס לייכט די מנורה
מען לערענט די תורה
אלעס געווארען איז גאנץ
אויף אונזערע שונאים
אויף די יונים
געקומען איז א מפלה
פון אנטיכוס דעם שכור
פאלען וועט שטיקער
מקיים וועט ווערען גאט קללה.
ס׳איז אונזער מלוכה
מיר האבען מנוחה
צו בראכען איז דעם שונא׳ס האנד.
עס פלאטערט אונזער דגל
מען איז עולה רגל.
צוריק אין אונזער לאנד.
פרידער מוזט האפען
אז גאט וועט בעשטראפען
יעדען וואס וועט נאר אונז דריקען
זיים זשע אלע פריילאך
גאט איז אונזער מלך
מיר ווילען אימער בעגליקען.

ענדע — פארהאנג פאלט

# בת ציונ'ס ערוואכטונג

א סימבאלישע קינרער דראמא אין 2 אקטען דריי בילדער

פ ע ר ז א נ ע ן :

א חזן מיט משוררים
א קאמפאניע פאגראמשציקעס
א מוטער
א כלה
ר' ישראל סבא
בת ציון
דר. בן ציון
דר. אסימיליאטאר
5 אדער 7 גוירטעס

## ערשטער אקט ערשטעס בילד

יום כפור באנאכט, אין א בית המדרש עס זעהט זיך איין ארון קודש איבערגעהאנגען מיט א ווייסען פרוכת, עס שטעהט איין עמוד, ביי איהם א חזן אין א קיטעל און טלית ארום איהם פיעלע משוררים מיט טליתים און יארמולקעס, א רב וועלכער האלט איין נאכגע־מאכטע ספר תורה, ליכט ברענען, ס'איז פאר כל נדרי, פון ווייטען הערט זיך פון הינטער סטיידזש א געזאנג פון רוסישע פויערים ווי זיי זינגען הע', דובינישקא אכניעם ! דער רב האלט א רערע פאר'ן פובליקום אז מען זאל זיין גרייט אויף קדוש השם ווי אמאל די אנוסים פון שפאניען, וועלכע זיינען געווען די מחברים פון דעם כל נדרי וועלכען זיי האבען געזאנט אין די פארבארגענע היילען.

דער חזן פאנגט אן מיט'ן ניגון פון "כל נדרי" :

כל נדרי ואסרי ושבועי וחרמי וקנוסי וכנויי . . .
צוויי טויזענד יאהר אז מיר ליידען
אונזערע שונאים ווילען אונז פארשניידען
מען יאגט אונז, מען פלאגט אונז, אח וועה !
פארטריבען פון אונזער לאנד
מען לאכט אונז אויס מיט שאנד
אח גאט פאר וואס קומט אונז אזוי
שטעל אונז אויף צוריק
צו אונזער גלאנץ און גליק
מיום כפורים זה
עד יום כפורים

שיק אונז א ישועה
איין אמת'ע רפואה
הבא עלינו לטובה.

אלס דער חזן לאזט אויס דעם לעצטען ווארט ערשט די פאנראמיזציקעס קומען אריין און ווארפען אום דעם חזן מיט דער תורה מיט די מיזורים מאכען און א גאנצען חורבן און מארשירען ארויס זינגענדיג.

פארהאנג פאלט

צווייטע בילד

איס'ן סמיידזע ליגען די הרוגים, און דער חזן וועלכער איז לעבען געבליבען בעקלאגט דעם רב מיט דיזע ליעד.

חזן :

דא ליגט א גרויסער פיהרער
א הייליגער מארטירער
געפאלען מיט דער תורה אין האנד
אה נאטעס געבאט
געמאכט ווערט צו שפאט
געטראטען געמאכט אונז צו שאנד
מיר ווערען געפלאגט
געטריבען געיאגט
ווי וואסער מען גיסט אונזער בלוט
און ווי המן אמאל
קלינגט נאך דער קול
פון יעטווידען מערדער און ברוט.

רעפריין :

גאט בליק שוין אראפ
דיין צארען האלט אפ
געגוג אונז צו שטראפען אזוי
ווי איז דאס ביי דיר רעכט
צו זעהן ווי מען אונז שעכט
אזוי ווי די לעמער און וועה
דיין נאמען ווערט פערשוועכט, דיין הייליגטום מען ברעכט
דיין פאלק איז צו שפאט און צו שאנד
אה שענק אונז שוין דיין גליק, אה בריינג אונז שוין צוריק
אין אונזער הייליגעם לאנד.

בוסער :

דאָ ליגט מיין קינד דער שטאָלצן
זיין קעפּעלע צובראָכן
זיין יונגעס לעבן פאַרטיכט
געפאַלן אַ קרבן
פריציימיג געשטאָרבן
פאַרלאָשן אַ הייליגעס ליכט
און דאָס רופט מען אָן
ציוויליזאַציאָן,
צו מאָרדן און פאַרגיסן בלוט
אַ מלאך צושניטן
האָבן באַנדיטן
אי ס׳איז מיר פינסטער ניט גוט.

רעפריין : נאָט בליק שיין אראָפּ א. ז. וו.

בלה :

דאָ ליגט מיין טרייער חתן
פון מערדערס איז ער דערשאָסן
פאַר אונזער חתונה טאָג
אונזער שמחה צושטערט
צו אַ טרויער פאַרקערט
אָה שרעקליך און גרויס איז מיין קלאָג
אַ העלד אַ שיינער
ווי אַ מלאך אַ ריינער
געבילדעט געראָטן און גוט
האָבן באַנדיטן
זיין לעבן פאַרשניטן
פאַרגאָסן זיין הייליגעס בלוט.

רעפריין : נאָט בליק שיין אראָפּ א. ז. וו.

פאָרהאַנג פאַלט

## צווייטער אַקט

אַ קראַנקען צימער וואו עס שטעהען 2 בעטען אויף איינער זיצט אָנגעשפּאַרט אויף אַ קישען דער אַלטער ר׳ ישראל אַ גרויז גראָהער אַלטער מאַן מיט אַ שעהנעם באָרד. אַ פּאַטריאַכאַליש שעהנע גע-זיכט, מיט ליכטיגע אויגען נעבען איהם זיצען זיינע 2 גוירפּעס

"תורה" און "תפלה" און העלפן איהם באנראווש׳ן די וואונדען. אנטקעגן איהם אויף א צווייטע בעט ליגט זיין טאכטער די שיינע "בת ציון" און שלאפט א לעטארגישען שלאף, איהר ברוסט בעוועגט זיך קוים קוים וואס מען בעמערקט, אנגעטאן אין א העל בלויען שלאף העמד, אויף איהרע האר א קרוין באנד מיט׳ן מגן דוד. נעבען איהר זיצען איהרע 2 נוירסעס "תקוה" און "תחיה". און בעטראכטען איהר מיט גרויס צערטליכקייט. אין מיטען ציממער שטעהט א טישעל מיט פארשיידענע מעדיצין באטעלס און איין הויפט נוירס זיצט ביים טיש. די נוירסעס זיינען אנגעטאן אין ווייסע קליידער מיט רויטע מגן דוד בענדער. עס עפענט זיך די טיהר און עס קומען אריין דר. אבימילאטאר אין בעגלייטונג פון 2 נוירסעס מיט׳ן רויטען קרייז צייכענס, דר. אבימיאלאטאר קומט צו, צו ר׳ ישראל׳ס בעט, נעמט איהם אן פאר׳ן האנד פילט זיין פולס קלאפט איהם א ביסעל אין ברוסט קאסטען, און ענדליך זאגט ער:

ר׳ ישראל איך האב גרויס מיטלייד מיט דיר, ביז וואנען וועסטו ליידען דיינע יסורים, עס איז דיין אייגענע שולד, די קענסט גאנץ גיך געהיילט ווערען ווען דו וועסט מיך פאלגען. דאס ערשטע, מוז איך דיר זאגען, אז מיר געפעלען נים דיינע נוירסעס "תורה" און "תפלה" זיי גיבען דיר נים פינקטליך מיינע מעדיצינען, און פאלגען נים מיינע אינסטראקשאנס, ווארף זיי ארויס, און נעם אריין אלס נוירסעס פון מיין כמעט איינע וועט דיר מאכען פארגעסען שבחה און חניפה פון מיין כמעט איינע וועט דיר מאכען פארגעסען איף דיין פארנאגענהיים, און די צווייטע וועט צו דיר שמייכלען און דינגען דיר נייע ליידער, און מיט זייער הילף וועסטו ארונטער ווארפען דיין לאנגען בארד וועלכער איז נים מעהר ווי א נעסט פאר מיקראבען און באצילען און דאס מאכט דיר אן גרויסע יסורים, צייטענס דיינע משונה׳דיגע עבעטס און דיינע בגדים זיינען אויך נים מאדערנע. עפעס גאר דארפסטו אז א שוחט זאל פאר דיר שוחט׳ן און בדק׳נען דאס פלייש, דאן וועקסטו עס. און זאלצען און וואשען עס אזוי לאנג ביז דו נעסטסט פון דעם ארויס דאס גאנצע זאפט און קראפט. ערשט דאן עסטו עס, נו מ׳שטיינט גערזאגט, וואס פאר א קראפט קען מען פון דעם האבען, קיין ראקעס עסטו נים, קיין ישאבעס אויך נים, און נאך א זעלכע מיני שרצים וואס וואלטען געווען גאנץ גוט פאר דיין געזונד, היינט דיינע בעזונדערע מנהגים דיין גאנצער ארט אויספיהרונג איז נים מאדערנע, האלסט זיך בעזונדער פון אלע פעלקער, פייערסט אנדערע שבתים און ימים טובים.

ביזט זיך מיט קיין אנדער פאלק ניט בתחתן. און אט די אלע זאכען שוואבען אפ דיין בלוט. דערום פאלג מיר און מו וואס איך הייס דיר יוארף אט די אלע זאכען אוועק, און וועסט ווערען געזונד. איך בין איך אבאל געוועזען אזוי נאריש ווי דו, און בין דאן אויך קראנק גע־ווען, אבער גלייך ווי איך האב זיך געענדערט און רעפארמירט בין איך געווארען געזונד און שטארק און מיין נאמען איז בעריהמט איבער דער וועלט אלס דר. אסימילאטאר.

ר׳ ישראל צו דר. אסימילאטאר : אמת איך בין פארוואונדעט, שטארק קראנק אבער קיין וואונד איז מיר ניט אזוי שמערצליך ווי די וואונד וואס דו מאכסט מיר מיט דיינע רייד, דו דענקסט אז דו ביזט געזונד און איך בין קראנק, אבער איך זאג פארקערט אז קראנק ביזטו און איך בין געזונד, מיינע וואונדען זיינען בלויז קערפער־ליכע וועלכע קענען גאנץ לייכט געהיילט ווערען ביי ניצטליכע אומ־שטענדען, דורך איין ענדערונג פון קלימאט . . . צו מיינע וואונדען דארף מען האבען א באלזאם צוזאמען געשטעלט פון לבנון זאלב און כרמל קרייטער, לויט די פארשריפטען פון דר. בן ציון, און פאר־בריטעט ביי אידישע אפטייקערס. אבער דיין קראנקהייט קען מיט מעדיצין ניט געהיילט ווערען דו מוזט האבען איין געהירען אפע־ראציאן דורך אזעלכע פראפעסארען ווי מארקזועמאדא, קרישעוואן, העגרי פארד און זייער גלייכען, און דאן וועסטו אפשר געהיילט ווערען.

אמת, מען האט מיר פארוואונדעט : אין רויס, אין שפאניען. אין רוסלאנד, אין מאראקא, און רומעניען. מיינע פיס זיינען געשוואלען געווארען פון וואנדערען פון לאנד צו לאנד, און זיי פאדערען רוה, מיינע הענד זיינען צו וועהטאגט פון קנעטען ליים און מאכען ציגעל פאר די געביידעס פון פרעמדע פעלקער ; אבר איך האב דאך מיין האפענונג ניט אויפגעגעבען צו ווערען געהיילט ניט פון א זעלכע דאקטוירים ווי דו נאר פון אמת׳ע דאקטוירים, ווייל רוח והצלה יעמוד ליהודים ממקום אחר ! (קערט אם זיין קאפ).

דר. אסימילאטאר נעהמט דאן צו צום בעט פון בת ציון גרייפט איהר האנד, לוינט צו זיין אויער צום הארצען, שאקעלט מיט׳ן קאפ און זאגט צו די נוירסעס :

תקוה און תחיה ! יא בת ציון גוסס׳ט זי שלאפט איין איהר אייביגען שלאף, נעהמט אוועק פון איהר, און לאזט איהר רוהיג שטאר־בען !

ביידע נוירסעס : ניין, בת ציון לעבט און וועט לעבען !

זיי זינגען דאן :

כל עוד בלבב פנימה
נפש יהודי הומיה
ולפאתי מזרח קדימה
עין לציון צופיה.
עוד לא אבדה תקותנו וגו'

דר. אביבילאסאר נעהם אוועק.
דר. בן ציון אין א
אלט עס עפענט זיך די טיר און עס קומט אריין דר. בן ציון אין א
ווייסע אנצוג, מיליטערישע ציוניסטישע–געליידעם, האלט א ציון פלעג
אין האנד. די הויפט גוירס שטעלט זיך אויף און מיט א פרעהליכען קול
שרייט זי אויס : זייט, יעצט איהר גאסט א טייערער פאר וואס ! ציון בן דר. אה
ווען איהר איבהיילען אונזערע 2 הולאים העלבע דר. אסימילאטאר
האט איך געגעבען, דאס ערשטע קומט צום אלטען ר' ישראל'ן.
זי נעמט איהם ביים האנד און פיהרט איהם צו צו ר' ישראל'ן, וועלכען
ער בעגריסט מיט א הארציגען קלינגענדען שלום עליכם, דריקענדיג זיין
האנד, און אויף וועלכען דער אלטער ר' ישראל ענטפערט צוריק מיט א
קלינגענדען "עליכם שלום".

ר' ישראל : דר. בן ציון, זאג מיר פון וואנעט קומסטו יעצט ?
דר. בן ציון : איך קום יעצט פון פרידענסליגע וועלכעס האט זיך
געגרינדעט ווערען איף דער זייט פון נערעכטיגקייט און פרייהייט,
מיר אידען זיינען פון אלע מעכטע אנערקענט געווארען, אלס גרויסע
העלדען, נעמע בירגער מוטיגע קעמפפער און טרייע איבערגעגעבענע
פאטריאטען צו די לענדער וואו מיר וואהנען, מיר האבען איבע-
ציינט, אז אין אונזערע אדערען פליסט נאך מכבי'יער בלוט, אונ-
זערע לעגיאנען האבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער העלדישען
מוטה און אפפערווילינקייט, און אונזערע צערטליכע מגן דוד שוועס-
טער האבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער הערצליכע בעהאנדלונג,
און פינקטליכע הילפע צו אלע ליידענדע.

און אין אנערקענונג פאר אונזער פאטריאטיזם גיט מען אונז די
מעגליכקייט צוריק צו גרינדען אונזער זעלבסטשטענדיגקייט אין אונ-
זער לאנד די גרויסע מלוכה ענגלאנד וועלכע האט בעזיגט גאנץ פאלעס-
טינא האט ארויס געגעבען א דעקלארייטאן וועלכעס איז אנגענומען
געווארען ביים פרידענס קאנפערענץ פון אלע פעלקער אז ארץ ישראל
בעלאנגט צום עם ישראל, און די אידען פון דער גאנצער וועלט הא-
בען עס מיט פריידען אנגענומען און מען בויט שוין אויף צוריק די

חורבות, מען גרינדעט נייע שטעטלעך און מען פלאנצט נייע וועלדער. עס ווערט צוריק איינגעשטעלט דער בית המקדש.

ר׳ ישראל (שרייט אויס): דר. בן ציון! בין איך וואך? הער איך עס ריכטיג מיט מיינע אויערן? אדער עס איז א חלום? דריק מיר מיין האנד! איך וויל פיהלען אויב איך בין וואך אדער איך שלאף.

דר. בן ציון נעמט אים אן זיין האנד, און זאגט:

יא, ר׳איר הערט ריכטיג, ארץ ישראל איז א ר ץ  י ש ר א ל!

ר׳ ישראל (שרייט דאן אויס): אה גאט! איך בין האך געהיילט, אלע מיינע וואונדען זיינען פערשוואונדען איך פיהל זיך ווידער יונג און שטארק. אה גאט, ווי גרויס זיינען דיינע וואונדער, (ער הויבט אויף די הענד און זאגט): ברוך אתה ה׳ ... שהחינו וקימנו והגיענו לזמן הזה!

עס הערט זיך א תקיעה פון א שופר ... בת ציון הויבט אויף א האנד.

אידיע נירכוגס בעטעריען עס און שרייען אויס:

— בן ציון גיבער קומט אהער בת ציון ערוואכט!

דר. בן ציון אין בעגלייטונג פון ר׳ ישראל׳ן קומען צו, צו בת ציון׳ס בעט, ער נעמט אן איהר האנד בעטראכט איהר, און נעמט ארויס פון זיין פאקעט א פלעשעלע מעדעצין, און גיט עס איבער צו דער—הויבט נורס, די נורס גיט רייכט נעבען בת ציון׳ען איינינע טראפענס "תחיה" מעדעצין, די נורס נעמט דאס פלעשעלע ווידער און א גלעזל טראפען ווייס און זינגט:

## התחיה ליעד

1

איינס, צוויי, דריי, פיער,<br>
טראפענס תחיה גיב איך דיר<br>
צו דיינע ליידען קומט א סוף<br>
די ערוואך זיך פון דיין שלאף.

2

איינס, צוויי, דריי, פיער.<br>
צו רפואה זאל זיין דיר,<br>
פאלש איז דר. אסימילאטאר<br>
ציינט זיך יעצט ארויס גאנץ קלאהר.

3

איינס, צוויי, דריי, פיער.
די גרעסטע פרייד איז האָט פאַר מיר
בת ציון הערט שוין ווי איך היר
און פון שלאָף די וועקט זיך איך.

4

איינס, צוויי, דריי, פיער.
צו מיין פרייד איז גאָר קיין שיער
פאַרשוואונדען איז די לאַנגע נאַכט
בת ציון האָט זיך שוין ערוואַכט

בת ציון ערוואַכט זיך, זעצט זיך אויף, רייבט איהרע אויגען, קוקט זיך אום און דער זעהט איהר פאָטער מיט איהר געליבטען בן ציון שטעהען נעבען איהר און בייידע מיט צופרידענהייט אויף איהר און פלוצלונג פאַלען זיי ביידע צו צו איהר אומאַרמען זי, דריקען זי, און קושען און עס קלינגט ווי הימלישע מוזיק די ווערטער: פאָטער! פאָטער! געליבטער! געליבטע: ענדליך זאָגט בת ציון:

אה פאָטער! זאָג מיר וואו בין איך? וואָס איז מיט מיר געשעהן, עפּעס פיהל איך, אזוי ווי הורך א חלום ערינער איך מיר ווי דער גרי- זאַמער מיטט האָט אינזער היים פאַרבּרענט האָט אונז בערייבט און אין ארמוט און עלענד אונז פאַרטריבען פון אינזער היים, ער האָט מיר פון מיין געליבטען בן ציון צו שיידט, אה טייערער, זאָג מיר איז עס געווען אַזאַ שרעקליכער חלום אָדער די ריכטיגע פינסטערע וואַ- היים, איך געדיינק דאָס איך האָב א האַרץ-שלאָג געקראָגען איך בין אין אומכאַכט געפאַלען וואָס ווייטער איז געשעהן געדיינק איך נים, בין איך לאַנג געשלאָפען, דערצעהל מיר פאָטער!

ר' ישראל: מיין טייערע בת ציון, ניין עס איז נים קיין חלום, נאָר א שרעקליכע ווירקליכקיים, צו דערצעהלען דיר, מיין קינד, וואָס איך האָב דיך אויסגעליטען איז אוממעגליך, טויזענדער ביטער זיי- נען פאַרטריבען מיט אינזער בלוט אין טרערען און עס איז זאָגאר קיין הונדערטסטע טייל פון די ווירקליכע ליידען וואָס איך האָב געליטען. איך קען דיר בלויז זאָגען, דאָס מען האָט מיר געיאָגט, געטריבען. געפּייניגט, מיין לייב געשניטען, מיינע אָדערען געצויגען, מיינע גלי- דער געריסען, מיין קערפּער געבּרענט, מיינע קינדער געראויבט פון מיר, מיינע טעכטער געשענדעט פאַר מיינע אויגען, מיינע שוועסטער די-

ביטער געשפאלטן און זייערע אומצייטיגע טויט און די פיינער געשטעטערט, און זייערע ביטער מיט פעדערן אנגעשטאפט, איך האב עס אלעס מיט מיינע אויגן בו געזעהן און האב דאך מיין מוטה נים פארלארען, נאר געבעטען און געהאפט, א פערהאנדעטער א געשטענדעטער, פלעג איך צוריק זייען די הייאות יעלבע דר. אבי מילאטאר האט מיר געוואלט אריין טריפען. און א דאנק די טרייהייט פון מיינע צוויי וועכטערינס "תורה" און "תפלה", בין איך נצול גע-וואָרען פון אלע צרות. איינע האט מיר שענגע טרייסט ליעדער גע-זונגען, פון מיין הערליכע פערגאנגענהייט הערציילט. און די צווייטע האט מיר מוטה און האפענונג געגעבען פאר א גלענצענדע צוקונפט. איך די מיין קינד האבט דורך געמאכט זעהר א שווערען לעבען, במעט (2000) צוויי טויזענד יאהר האבטו איין אנגעבטינגען שלאף געשלאפען, און דער צייט האט מען דיר פילע מאהל געוואלט בע-גראבען, דער גרעסטער שונא אונזערער, דר. אנטיליאטאר, האט פילע מאל געפרואווט ניפט אריין שפר צען אין דיינע אדערן, אבער א דאנק דיינע צוויי טרייע וועכטערינס, "תקוה" און "תהיה", וועלכע האבען דיר אפגעהיט פון אלעס בייזען, און אט אזוי ביזטו נצול גע-וואָרען און ביזט יעצט ווידער וואך צו געניסען פון לעבען.

בת ציון : און ווי איז מיט דיר מיין ליבער בן ציון געגאנגען ?

דר. בן ציון : אח, ליבע בת ציון, עס איז אומגליק און גאנצע דיר צו איבערצעהלען וואס איך האב זיך אנגעליטען פאר מיין לי-בע און טרייהייט צו דיר. פילע האבען געוואלט מיר איינרעדען אז די ביזט שוין טויט אויף אייביג, ווען דאס האט נים געהאלפען האט מען מיר יסורים אנגעטאן, געפייניגט מיין לייב און זעלע, פארטריבען מיר אין ווייטע לענדער, געצוואונגען מיר צו קעמפפען פאר פרעמדע פעלקער. און ווען דאס האט אייך נים געהאלפען האט מען מיר פאר א משוגע'נעם געמאכט, פאר א טרויטער בעטראכט. מען האט מיר איבעראל אויסגעלאכט אבער ווען דאס האט אייך נים געהאלפען, האט מען געפרובט אונטערשיקען חנ'עוודיגע, פארפוצטע, געפארבטע, און געפודערטע פריילינס, אום אפ צוקערען מיר פון דיר, זאגאר א צעלכע וועלכע האבען זיך ארויסגעצייגט אלס מיינע גוטע פריינד פון מיין אייגענער משפחה. עפעס האבען זיי מיר פארגעשלאגען א פריילין "ארגאנטינייע" א בחו'טע מולאטקע א רייכע יורש'טע פון פילע מיליאנען. אייך א פריילין "אוגאנדא" און אפריקאנערען א גרויסע יחסנ'טע אין ענגלישע מחותנת'טע. אייך איין אראבעריין

מיט'ן נאָמען "האָדלאָריש" אין ווער קען דיר איבערגעבן די פאַר־
שידענע שהבים וואָס מען האָט מיר פאַרגעשלאָגן, אָבער איך האָב
זיי אַלע צוריק געוויזן, געדענקענדיג גאַנץ גוט די שבועה וואָס איך
האָב דיר געגעבן דעם לעצטן מאָל וואָס איך האָב דיר געזען
דאָרטן ביי די טייכן פון בבל . . . געדענקסט ווי איך האָב איך
געהויבן מיין האַנד און געזאָגט : "אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני
תדבק לשוני לחכי אם לא אזכרכי אם לא אעלה את ירושלים על ראש
שמחתי". איצט איך וויל אַז דיר פאַרגעסן זאָל מיין רעכטע האַנד
ווערן געליימט, און מיין צונג זאָל ווערן צום גומען איינגעשרומפּען
אין אַה, ווי גליקליך בין איך אַצינד דאָס איך האָב דיר ווידער, און
העסט ווידער אויפלעבן אין דיין פראַכטפאָלע שעהנקייט, און דיין
יונגענד קראַפט, און קיינער וועט אונז מעהר ניט פאַרנאַנדערשיידן.
(זיי אומאַרעמען זיך).

אַלס די טיר עפענט זיך און דר. אבימילאַטאַר קומט אריין און זאָגט :
מיינע פריינדע גיט מיר די ערלויבעניש צו איבערדריקען מיין שולד
געגען אייך, און מיין האַרציגע חרטה. איך האָב געגלויבט אין אַ גרוי־
סען טעות, דענקענדיג אַז וואָס מעהר איך וועל זיך צו הנפה'נען און
בייגען מיין שטאָלץ, אויפגעבן אַלע מיינע איינגעבאָרענע איינגע־
שאַפטען, און זיטליכע מעלות און אַנגענומען אַ לעבען, צו לעבען ווי
די אַנדערע פעלקער אַלין בעסער וועט מיר זיין. ערשט איך האָב מיר
אַרום געזעהן אַז ערשט דאַן ווער איך דער פאַראַכטעטער שקלאַף,
וואָס בייגט זיך ווי אַ קינד פאַר'ן שטיקעל ברויט, איך קום צוריק
צו אייך מיינע ברידער, צו מיין פאָלק, און צו מיין לאַנד, און אַלע צו־
זאַמען לאָמיר זינגען דעם שיר הגאולה.

זיי שטעלען זיך אַלע אויף און זינגען :

שיר הגאולה

דער שופר משיח טוט שאַלען
דער ווינד פון דער תחיה טוט בלאָזען
מצבות זיי האַלטען אין פאַלען
די טויטע די קברים פאַרלאָזען

די חבלי משיח פאַרשווינדען
עס שטראַלען פון פרייד זייערע אויגען
אויף די טויזענטער יאָהריגע וואונדען
האָט אַ הויט זיך אַ נייע פאַרצויגען

די הארפען האָט זיינען געהאנגען
פאַרראַכטעט זיים טויזענטער יאָהרען
שפּילען שוין ווידער געזאנגען
פון כרמל פון חרמון און שרון

ענגלאנד די רייכע מלוכה
מיילט מיט דעם אידען איהר גליק
דער איד זאָל שוין האָבען מנוחה
זיין היים און זיין נחלה צוריק

מיט איהר שטיטען צו אלע פעלקער
אז עס קומט איהם מיט יושר און רעכט
ער האָט זיך גענוג אנגעליטען
אלס עלענדער אָרימער קנעכט.

גענוג אידען ביי פרעמדע צו שקלאפען
און קנעכטען פאר פרעמדע די לייט
ציים ער זאָל אויך פאר זיך שאפען
זייען ביי זיך אין דער היים.

ע נ ד ע

# דער אייביגער וואנדערער

דראמא אין איין אקט

א זאל אין וועלכען עס פארטרעטען אלע רעגירונגען מיט זייערע נאציאנאלע פארטרעטערישע פערזענליכקייטען. דורך קינדער געדרעסט אין די נאציאנאלע קאסטיומען

רוסלאנד (רויטע פלעג)
פוילען
דייטשלאנד
פראנקרייך
רומעניען
איטאליען
שפאניען
אמעריקא
ענגלאנד
פאלעסטינא

איין אלטער איד מיט א פאק אויפ'ן פלייצע די לוחות אין איין האנד און א שטעקען אין דער צווייטער. נאכגעפאלגט פון זיין זון אלס אינטערנאציאנאלער סאלדאט, מיט מעדאלען דעקארירט פון אלע לענדער.

דער איד קומט אריין אין זאל נאכגעפאלגט פון זיין זון, שטעלט זיך אוועק און זאגט:

נאך קלינגען מיר אין די אויערען די שיינע קאמפלימענטען וועלכע איך האב געקראגען פון אלע פעלקער פאר מיינע העלדענטאטען אין דער גרויסער וועלט מלחמה. ווי בראוו, ווי ערענסט, ווי פאטריאטיש, איך האב זיך אפגערופען צו די פאדערונגען פון מיין זאגנאנטער פאטערלאנד, איך האב אוועק געגעבען דאס טייערסטע וואס איך האב פארמאגט, מיינע קינדער, אין א גרעסערער צאהל ווי איך בין געווען פערעכטיגט, עס האט ניט עקזיסטירט פאר מיר קיין גע- פאר ווען עס האט זיך געהאנדעלט אום די עהרע פון מיין לאנד, פאר

וועלכע איך האב געקעמפפט, און דא וואו די בראווסטע העלדען האבען נים געוואגט צו געהן, בין איך פריוווילינ און שטאלצינ געגאנגען, מיט ערשטוינענדע בעהאנדלונג האט מען מיר בעטראכט, ווי איבערלעבטינ איך האב צוריק געשלידערט דעם פאשיסטן בענדיט וועלכע די שונאים האבען וועגען מיר געהאט, דאס איך בין א פיינלינג, און א פאררעטער. און זיי האבען מיר געמוזט דעקארירען מיט די העכסטע מעדאלען און בעסטע אויסצייכנונגען. און געגעבען די בעסטע פארשפרעכונגען פון גלייכע אנערקענונג, אהנע וועלכע עס איז בעשרענקונגען צו יעדען פארטרעטערשאפט, אפילו וועלען פאר מיר דיין די טירען פון אלע לענדער, און א פארזיכערונג צו העלפען מיר אויפשטעלען צוריק מיין אייגענע אלטע היימלאנד אלס אידישער נאציאנאלער צענטער.

נעכטיגעם האט זיך די מלחמה, די פעלקער האבען זיך אלע צוזאמען געקליבען צו א פרידענס קאנפערענס, און טיילען זיך מיט די גראבערטע חלקים, געשאפען האבען זיי נייע רעגירונגען, אלס פארגעסענע און טויטע מלוכות, זיינען תחית המתים אויפגעשטאנען, יא אלעמען האט מען איינגעטיילט נאר אויף מיר האט מען פארגעסען צו ערפילען א טייל פון די גוטע פארשפרעכונגען, אבער מען האט נים פארגעסען צו בעצאהלען מיר מיט נייע פאגראמען און נייע בעשרענקונגען. און גרושים טרייבענדיג מיר פון שטאדט צו שטאדט און לאנד צו לאנד, און פארשלאסען האט מען פאר מיר די טירען און טויערען פון יעדען ווינקעל. וואו מיין בלוט איז פארגאסען געווארען, איך האב קיין רעכט נים זאגאר צו קומען בעזויינען די מיליאנען קברים פון מיינע יונגע קינדער, אם זיצען זיי דא אלע לאנד פארטרעטער, קום מיין זוהן איך וועל טרייען געפינען איין ארט פאר דיר.

צו רוסלאנד :

סאווישן רוסלאנד, ווער, נאך אזוי גוט ווי דו, ווייס פון די פיעלע קרבנות וועלכע איך האב אוועק געגעבען פאר'ן צוועק און אידעאל פון מענשליכע פרייהייט גלייכהייט און ברידערליכקייט, צו וועלכעס דו האסט אזוי פיעל יאהרען געשטרעבט, קוק נאך אין די ארכיוועו און וועסט געפינען א ליסט פון טויזענדער פון מיינע קינדער וועלכע זיינען אומגעקומען אין די פינסטערע טורמעס אויף די עשאפאטען אין די קאלטע סיבירער פעסטונגען פאר דיזען אידעאל, און יעצט ווען די טיראניי איז געבראכען און האסט בעפעסטיגט דיין נייע מלוכה, לאז מיר אריין צו געניסען די פרוכט פון מיין מיה אזוי גוט ווי דו.

רוסלאנד : ניין פאר דיר איז דא ביי אונז נישטא קיין ארט, אלס איד האסט גלויבט אין די עשרת הדברות ! מיר האבען יעצט עס־ טאבלירט א מלוכה וואס באשטעהט אויף פרייהייט : פריי פון גלויבען. פריי פון מאראל, פריי פון קאפיטאל. קאפיטאל, אייגענטום, דאס בע־ לאנגט צו דער רעגירונג, אבער נים צום יחיד, און אלס איד האסט דיך האלטען זיך ביי זיין רעליגיא קענסטו נים אריין צו אונז.

דער איד צו פוילען :

מיין טייערער פאלאק, דו ווייסט דאך געוויס נים פארגעסען אויף דעם גרויסען אנטייל וואס מיר האבען גענומען אין דיין קאמפף פאר דיין אינדעפענדענץ דו וואס דו ווייסט אליין די ביטער עס איז צו זיין בערויבט פון די נאציאנאלע רעכטע. יעצט ביזטו געהאלפען געווארען ביזט שוין א בעל הבית פאר זיך אויף א גרויסער לאנד. וואס די האסט אליין עס זאגאר נים געחלומ׳ט, וועסטו מיר יעצט אריין לאזען צו דיר, און העלפען דיר מיט מיינע געניאלע פעהיגקייטען ?

פוילען : פאשאל וואן פסא קרעוו זשיד ! מיר האבען נים קיין ארט פאר דיר יעצט ווען אונז איז נוט. זאלאנג מיר האבען געדארפט האבען דיין הילף צו שיקען דיר אין פייער ביזטו געווען גוט פאר אונז, אבער איצט ווילען מיר דיר נים דו ביזט צו קלוג פאר אונז, געה ווייטער, געה !

דער איד צו דייטשלאנד :

און דו מיין ליבע דייטש, אפשר וועסטו אונז אריין לאזען, דו ווייסט דאך ווי טריי מיר זיינען דיר געווען, ווי רייך מיר האבען דיר געמאכט, וואס פאר א גרויסען טייל מיר האבען דיר געגעבען אין קולטור, דערמאן זיך אויף אונזערע מענדעלסאנס, היינעס, לאסאלס, קארל מארקס, לייבקנעכט, באלינס און ראטענויס און נאך און נאך. וואס מיר האבען דיר געשאפען, און וואס דו נויטיגסט זיך אזוי יעצט אין דיין ארימען צושטאנד !

דייטשלאנד : אמת מיר אנערקענען דיינע פעהיגקייטען דיין הויכען גייסט, דיין באלין האט אונז פאר דער רייכסטער לאנד גע־ מאכט, דיין איינשטיין האט אונז דעם גרעסטען כבוד פארשאפט, מיר בע־ קוויקען זיך נאך היינט מיט דיינע פאעזיען. און דיין מוזיק, מיר וואונדערען נאך היינט די סאציאלע שריפטען פון דיינע לאסאלס און קארל מארקס, אבער אט דאס טאקע איז דיין חסרון, דו ביזט פעהיגער און קליגער פאר מיינע ביער טרינקער, און קענסט צו מיר נים אריין.

דער איד צו פראנקרייך:

ני מאדאם "פראנצייע" פלייבט וועסטו אלס הויך ציוויליזירטע און זינרייכע מלוכה עפענען די טיר פאר מיר, איך האב דיר איך גענוג געהאלפען צו דיין גדלה, האסט גענוג אידישע נעמען וואס האבען דיר געהאלפען צו דיין גרויסקייט, לאז מיר אריין.

פריינקרייך: נא, מאכט שוין! האבט שוין פארגעסען אין דער דרייפוס אפערע, אונזער ציוויליזאציאן איז ווי אונזערע פרייליינס געפארבט, און געפיידערט פון אויבען. פארשמירט די אונטערשטע פלעקען. און גריבער עס זאל זיך נים אנזעהן, מיר זיינען די זעלבע פינסטערע אנטיסימיטישע קאטאליקען, און קענסט קיין נוטצען פון אונז נים ערווארטען. געה זוך זיך ערגעץ אנדערש א פלאץ.

דער איד צו רומעניען:

מאדאם האמנעסקו, פלייבט וועסטו אריין לאזען מיר צו דיר. דו ווייסט איך ווי איך האב זיך געפלאגט פאר דיר און געהאלפען דיר אין דיין אנערקענונג.

רומעניען: ניין איד, ניין! נים ביי מיר קענסטו געפינען איין ארט איך צו לעבען, אויב דו ווילסט עטליכע פאגראמען. אלא עמלק דאן קום, דערום בעסער טראג זיך אפ פון מיר!

דער איד צו שפאניען:

מאדאם שפאניען, וועסטו עפענען דיינע טירען פאר מיר און אריין לאזען מיר פריי, דו ביזט דאך פארארעמט געווארען זינט דו האסט מיך פארטריבען פון דיר.

שפאניען:

דא וואלט געדארפט זיין דאס לעצטע ארט וואו איין איד זאל וואגען צו פארלאנגען אייטרים. יא, מיר זיינען פארארעמט געווארען זינט מיר האבען דיר ארויס געטריבען, און מיר ווילען אז דו זאלסט ווידער אנהויבען אריין קומען צו אונז, אבער זאלסט קיין מאל נים פארגעסען אז דער טארקוועמאדא גייסט איז ביי אונז נאך נים פארלאשען געווארען, די נים טעהטיגע אינקוויזיציאן איז ווי איין אויסגעלאשענער וואולקאן וואס מען איז קיין מאל נים זיכער ווען ער וועט ווידער אנהויבען ווארפען פון זיך פייער און לאווא, און פארניכטען אלעס אין זיין טעהטיגקייט. קומט אריין מיר דארפען אייער מארך אייער געלד אייער אונטערנעמונגס גייסט און ווען די צייט וועט קומען וועלען מיר אייך צייגען וואס שפאניען קען טאן.

דער איד צו איטאליען :

פילייכט וועט זיך טאקע איטאליע דערמאהנען אויף איהר גרויזאמקייט צו מיר און שולדיגקייט אין מיין פינסטערן לאגע. דיין זון טיטוס, האט מיין היילגטום פארברענט מיין וועלטבאַ-שטענדיגקייט פון מיר אוועק גערויבט, איך וואנדער יעצט ארום. און זוך איין ארט וואו אנצושפארן מיין מידען קאפ.

איטאליען : פארגעס איד, ביי מיר געפינט זיך דער וואטיקאן. און מיין רוים איז ניטא קיין ארט פאר ירושלים, ביי מיר איז דער פאפּ דער הויכט פארטרעטער פון קריסטליכען גלויבען, און קען נים ער-לויבען אז ביי מיר זאל זיך געפינען א געגנער צו מיין גלויבען.

דער איד צו אמעריקא :

טייערע און ליבע מאדאם קאלאמביא, דו וואס דו האסט זיך געגרינדעט אויף די נאבעלסטע פרינציפען, פון פרייהייט, גלייכהייט, און ברידערליכקייט, דו, וואס דיין קאנסטיטושאן איז געשאפען גע-ווארען צורייסענדיג די קייטען פון שקלאפעריי און אונטערדריקינג, און האסט אויף דעם פרייהייט גלאק איינגעקריצט "וקראתם דרור בארץ לכל יושביה", און ווייסט אויך פון דיין היסטארי אז איך בין נים קיין גרינגער ביי דיר איך בין געווען מיט קאלומבוסען אויף זיין ערשטער רייזע, און האב פארטגעזעצט מיין טעטיגקייט מיט דיר צוזאמען אין מיין פאטריאטיזמוס איז דיר גוט בעוואוסט, דורך אזעלכע פער-זענליכקייטען, ווי רבי עבניאל נח. יהודה טורא. חיים סאלאמאן א. ז. וו. פון די מיט העלפער אין דיין גרינדונג און האב פארטגע-זעצט מיט מיין ליבע. טרייהייט, און פאטריאטיזמוס, פאר דיר מעהר ווי פאר מיין פרוי און קינדער. לאז מיר יעצט אריין צו דיר פריי.

אמעריקא : אמת איך האב זיך געגרינדעט אויף די העכסטע מענש-ליכע אידעאלען, אונזערע ריזיגע גייסטער פון וואשינגטאן, און דזשע-פערסאן, פרענקלין און לינקאלן, רוזועלט און ווילסאן, זיינען די באַ-גער טרעגער פון אינזער קאנסטיטושאן, און זייער א גרויסען טייל האט דער איד גענומען אין די בויאונג פון אונזער גרויסער און רייכער לאנד. מיט אייער פאטריאטיזמוס האט איהר אונז געהאלפען אין אונזער עקזיסטענס, מיט אייער שכל האט איהר אונז ערהויבען, און מיט אייער געניאלע פעהיגקייט האט איהר אונז געמאכט צו זיין די רייכסטע און מעכטיגסטע לאנד אין דער וועלט, אבער יעצט האט אנגעהויבען בלאזען א נייער ווינד אין לאנד א פינסטערער גייסט וואס וויל פארלעשען די הערליכע שטראלען פון דער פרייהייטס געטין.

און וויל איבערייסן די הייליגע בלעטער פון דער קאנסטיטושאן און קליין קעפיגע אייגע הערציגע מענער שטעהן ביים רודער און שאפען געזעצע פון בעשרענקונגען, און א זעלבע ארגאניזאציעס ווי א קו קלוקס קלען, וואס שפריים איס האס און פיינדשאפט אנטשאט ברידערליכקייט, מעהרען זיך. און ס׳איז געשאפען געוואָרען א געזעץ אז מיר לאזען מעהר קיין איינוואנדערער ניט אריין אין אונזער לאנד, נעה מיין ליבער איד, זיך זיך ערגעץ אנדערש וואו איין ארט.

דער איד צו ענגלאנד:

דו מיין הויכווירדיגע און שטאלצע מאראס ענגלאנד, וועסט מיר אריין לאזען צו דיר, דו וואס די פארגעטערסט מיינע הייליגע שריפטען, און דערמאנסט מיט שטאלץ מיינע קינדער, וואס האבען דיר געהאלפען גרויס ווערען, מיין משה מאנטיפיארי מיין בנימין דיזראעלי, פון דיינע ערשטע גרעסטע מענשען, און מיין סער רופוס אייזיקס, דיין שני למלך אין אינדיע, מיין לארד סעמיועל, סיר מאנד און ראטשילד, א. זא. וו. איך האב זיי געגעב פאר דיר צו ברייגנען דיר נוצען.

ענגלאנד: מיין הויכגעשעצטער און ליבענסווערטער איד! איך אנערקען דיינע מעלות, און ווייס דיינע פעהיגקייטען איך שטאלציר מיט דיין אפשטאמונג, עס קען גאר זיין אז מיר זיינען לייבליכע בהותנים אייך. און איך מאך דערום ניט קיין אונטערשייד אין געזעץ פאר דיר ווי פאר מיין ענגלענדער, ווער ס׳איז פעהיג יענער זאל פארטרעטען. איך וויל אבער אז דו אלס א בעזונדער פאלק, זאל איפהערען וואנדערען אן איין אייגענעם ארט וואו זיך אפ צושטעלען, איך וועל דיר העלפען אז דו זאלסט צוריק גרינדען דיין אייגענע רעגירונג צוריק בעלעבען דיין אייגענעם לאנד, צוריק אויף בויען דיין בית המקדש, און ווידער אנהייבען שאפען הייליגע שריפטען, און צוליעב דיזען צוועק האב איך איבער גענומען דאס מאנדאטען רעכט איבער דער לאנד פאלעסטינא, און האב בעאויפטראגט מיין זון לארד באלפור, ער זאל ארויס מיט זיין פראקלאמיישאן אז די קעניגליכע מאכט פון ענגלאנד הייסט גוט דעם צוועק און ווילען פון דעם אידיש פאלק צו גרינדען זייער זעלבסט שטענדיגקייט אין פאלעסטינא, און אום צו ערדייכען דעם צוועק, מאכען אייך צוריק פאר איין פאלק ווי געווען, וויל איך ניט אז דו זאלסט אריין צו מיר אין ענגלאנד, נאר געה אין דיין לאנד אין ציון.

צו בת ציון :

מיין מוטער ציון, מיט א געבויגענעם קאפ, פון שאנדע מיט א פאר-
וואונדעטע הארץ און מידע גלידער, א וואנדערער א צובראכענער. א
פארקריפלטער, קום איך צו דיר. נאכדעם ווי איך האב זיך ביי אלע
פעלקער געבעטען און קיינער האט מיר ניט אריינגעלאזט, קום איך
צו דיר. וועסטו טייערע מוטער מיך אריין לאזען צו דיר ? נאכדעם ווי
איך האב דיר אזוי לאנג פארלאזען, און ביזט אלט און פארארעמט
געווארען ? וועסטו מיר פארצייהען, ליבע מוטער ?

בת ציון : מיין קינד ! מיין ארעמער קינד ! הויב אויף דיין קאפ
גלייך אויס דיינע גלידער, ווישׁ אויס דיינע טרערען, און קום צו מיר.
מיין קינד, איך האב לאנג, לאנג געווארט אויף דעם גליקליכען מא-
מענט, ווען דו וועסט צו מיר ווידער קומען. דיין מוטער ציון איז ניט
אלט, איז ניט ארעם, האבענדיג דיר, בין איך ווידער רייך, און יונג
און גליקליך, און מיין יוגענד טעטיגקייט פאנגט זיך ערשט אן. קומט
קומט אלע מיינע קינדער.

אלע שטעלען זיך אויף און מען זינגט :

שאו ציונה נס ודגל
דגל מחנה יהודה
מי ברכב מי ברגל
נעש נא לאגודה
יחד נלכה נא נשובה
ארצה אבותינו
אל ארצנו האהובה
ערש ילדותנו.

ב

פארהאנג פאלט

אין פאר ברייטונג צום דרוק

# חזיוני נוער

(צווייטער טייל)

-: פון :-

רעוו. הלל יעקב הורוויץ (הרי"ה)

## אינהאלטס פארצייכניס

ערשטער טייל

משפט שלמה 1 אקט

חנה ושבעת בניה 3 אקטען

בת ציון 2 אקטען

דער אייביגער וואנדערער

אין איין אקט

פרייז 50 סענט

צווייטער טייל

יעקב ועשו 2 אקטען

יעקב ורחל 2 אקטען

צדיק אחים 3 אקטען

מרדכי ואסתר 3 אקטען

משפט פורים 1 אקט

פרייז 75 סענט

ארדערס ווערען שוין אנגענומען פאר צווייטען טייל


Address: Rev. H. J. HOROWITZ
1716 Waverly Place
ST. LOUIS, MO.

# חזיוני נוער

4 ביבלישע דראמאטישע קינדער סקעטשעס

[illegible]

פון

הרב הלל יעקב הורוויץ

צווייטער טייל

...

# "CHEZIONEY NOAR"

BIBLE DRAMATICAL CHILDREN SKETCHES

VOLUME II

BY

RABBI H. J. HOROWITZ

# חזיוני נוער

## דראַמעס פאַר קינדער

[illegible]

[illegible]

פון

[illegible]

[illegible]

[illegible]

# "Chezioney Noar"

## DRAMAS FOR CHILDREN

*Contents*:

The Restoration of the Children to their Parents
Mordechi and Esther
The Trial of Purim
David and the Shunamith

BY

RABBI H. J. HOROWITZ

PENSACOLA, FLORIDA

1939



הרב הלל יעקב הורוויץ

*Copyright*
1 9 3 9
RABBI H. J. HOROWITZ
322 W. Cervantes Street
Pensacola, Florida

# צוריק אהיים

חנוכה דראמע פאר קינדער
אין 4 בילדער
זייער באלערענד און אינטערעסאנט

פון
הרב הלל יעקב הורוויץ

——:□:——

# The Restoration of the Children

"CHEZIONEY NOAR"

BY

RABBI H. J. HOROWITZ

*Copyright Reserved*

# „צוריק אהיים“

## חנוכה דראמא אין דריי בילדער

### פערזאנען:

ר' ישראל, פאטער

יהודית, מוטער

2 קליינע פון 6 ביז 8 יאהריגע קינדער פאר דאס ערשטע בילד.

2 עלטערע קינדער פאר דאס 2-טע בילד.

2 ערוואקסענע פאר דאס לעצטע בילד.

לעהרער; פאליסמאן; לעטער קעריער.

# ערשטע בילד

צייט — חנוכה.

## סצענע

די קינדער זיצען ביים טיש און בליטען אין א בוך. דער צימער איז העל באלויכטען. אויף די ווענט הענגען די בילדער פון די אידישע גדולים, ווי אויך א שיין געפריימטער בילד פון ד״ר הערצל. נעבן־ביי א ציון פאהן און א נאציאנאל פאנד באקס. די יונגע מוטער יהודית קומט אריין אין צימער. זי האלט א זילבערנע חנוכה מנורה אין די הענט און רייניגט עס מיט א ווייס טוך. זי גערט צו צום טיש ביי וועלכען די קינדער זיצען, און זאגט:

קינדער, אנו זאגט מיר וואס איז היינט.

קינדער:

אָ, היינט איז זונטאג (אדער וועלכער טאג עס איז).

מוטער:

יא, אבער וואס נאך איז היינט?

קינדער:

אָ, היינט איז דער ...טער אין מאנאט ....

מוטער:

יא, אבער וואס נאך איז היינט?

קינדער:

היינט איז קאלט... א רעגען, א שניי.

מוטער:

יא, אבער וואס נאך איז היינט?

קינדער:

וועל, מאמא, מיר ווייסן נים.

מוטער:

היינט, קינדערלאך, איז חנוכה!

קינדער:

וואס? האנוקא? וואס איז דאס מאמא?

מוטער:

נים האנוקא, נאר חנוכה.

קינדער:

וואס דז יז מיען, מאמא?

מוטער:

דאס איז אזא ליעבער יום טוב וואס רופט זיך חנוכה.

קינדער:

א, מאמא, איז דאס דער האלידעי ווען מען נעמט די רוסטערס מיט די טשיקענס און מען דרייט זיי איבערן קאפ, און מען פרעגט די פאור קוועסטשאנס?

מוטער:

ניין, קינדערלאך, דיזער יום טוב ווערט געפייערט אין אנדענקונג פון דעם הערליכען זיעג וואס די העלדישע חשמונאים, דער אלטער פאטער מתתיהו מיט זיינע פינף זיהן און א קליינע צאהל אידישע גבורים האבען געהאט איבער דער ריזיגער געצענדיינערישער מאכט פון די סיריער. דער גרויזאמער, ווילדער קעניג אנטיאכוס עפיפאנוס, האט פארבאטען די אידען תורה צו לערנען, שבת צו היטען, האט דעם בית המקדש פאראומרייניגט, האט די הייליגע מנורה פארלאשען, אבער די אידען האבען זיך נים געלאזט בויגען צו די פינסטערע מאכט און האבען העלדיש געקעמפט און געזיעגט — באפרייט זיך פון דעם פרעמדען יאך און גערייניגט דעם בית המקדש און אנגעצונדען די הייליגע מנורה מיט ריינעם הייליגען בויםעל. א קליין ביסעלע בויםעל האבען די כהנים געפונען אין בית המקדש, וואס איז געווען פארזיגעלט מיט דעם זיגעל פון כהן גדול, האט נאר איין טאג געקענט ברענען. אבער עס איז א נס

געשעהן, און דאס ביסעלע בוימעל האט געגעבן אכט טעג גע־ברענט ביז זיי האבן געקענט שאפן אנדערן ריינעם בוי־מעל, און דעריבער פייערן מיר יעדן יאהר אין דיזער צייט פון דעם 26־טען טאג אין חודש כסלו איין אכט־טאגיגען יום טוב וועלכער רופט זיך חנוכה. און היינט איז דער . . . טאג חנוכה. מיר פאנגען אן פון ערשטען טאג צינדענדיג 1 ליכ־טעלע און גיבען צו יעדן טאג איינס, ביז 8. אבער א, קינדער, אט קומט פאפא פון שוהל און ער וועט בענטשען די ליכטעלאך, און וועט אייך נאך שיינע מעשה׳לעך דערציילען.

עס עפענט זיך די טיר און עס קומט אריין ר׳ ישראל אין באנלייטונג פון לעהרער. קושט די מזוזה און זאגט:

גוט יום טוב יהודית, גוט יום טוב קינדער, היינט איז חנוכה און מען דארף בענטשען חנוכה ליכט.

יהודית דערלאנגט איהם די מנורה וועלכע ער נעמט און שטעלט עס אוועק אויף איין פראמינענטען פלאץ. אלע שטעלען זיך ארום איהם און ער בענטשט די חנוכה ליכט.

מען זינגט דאן „הנרות הללו", „מעוז צור", און אנדערע פאסענדע לידער. דער לעהרער זאגט דאן פאלגענדען שיר:

## הנרות הללו אנו מדליקין

און בליקט איהר אויף דעם יעצטיגען פראגרעס
און זעהט ווי אלע שטרעבען
שאפען פרידען אויף דער וועלט
און אויסבעסערן דאס לעבען.
א דאנק צו אונז מוז מען אויסדריקען,
ווייל הנרות הללו אנו מדליקין.

און זעהט איהר די צייט און איהר מארשרוט
ווי זי טוט מיט ריעזען שריטע שפאנען
שאפען טעגליך נייע זאכען

נייע סיסטעמען, נייע פּלאַנען.

א דאנק צו אונז מוז מען אויסדריקען,
ווייל הנרות הללו אנו מדליקין.

און באהערשט די וועלט איין געדאנק און זינען
צו שאפען נייע קלארע הימלען
צורייסען אלע שקלאפען קייטען
פארניכטען לאזען זיי פארשימלען.

א דאנק צו אונז מוז מען אויסדריקען,
ווייל הנרות הללו אנו מדליקין.

די וועלט וואלט נאך אין פינסטערניש געלעגען
אין שטארקע דונקעלהייט פאר בליבען.
ווען נים מיר מים אונזער תורה
וואלטען די וואלקענס נים פארטריבען.

דארום א דאנק צו אונז מוז מען אויסדריקען,
ווייל הנרות הללו אנו מדליקין.

עס וואלט נאך די וועלט געווען איינגעהילט
אין א נעבל פול מיט רויך און דאמף.
געמישט מיט דומפע אנגסטליכע געשרייען,
פון א הילפסלאזען פארצווייפלונגם קאמף,
וואס קומען פון די מענשליכע קרבנות,
וועלכע ווערען אויף די פלאמען אויפגעבראכט,
אלס אפּפער צו די הענט־געמאכטע געטער,
געטריבען דורך דעם טייפעלם מאכט,
און עס וואלטען מענטשען ווי די קאניבאלען
פון מענשען פלייש און בלוט געווען בעטרונקען
און ווי די שווארץ אומוויסענדע בארבארען
געווען נאך אין פארדארבענהייט פארזונקען
און נאר מיר מיט אונזער לעהרע

מיט אונזער גייסטרייך הויכע קראפט
מיט דאס ליכט פון אונזער תורה
האבען ריזען צושטאנד אפגעשאפט.

דארום א דאנק צו אונז מוז מען אויסדריקען,
ווייל הנרות הללו אנו מדליקין.

אפלאז . . . קוירטען פאלט.

ענדע ערשטעם בילד.

## צווייטע בילד

חנוכה. די קינדער זיינען שוין גרויסע, זיך אמעריקאניזירט אויפ'ן לינקען זייט, אוועק אויף א שלעכטען וועג, האלטען נים פון אידישקייט, פיקסען צו א קריסטמעס בוים מיט גלעקלאך און לעמפלאך. 2 שקצים און 2 שיקסעס חברים און חברות פון די קינדער, משה און מרים, העלפען זיי צו אין דיזער ארבייט.

די מוטער, יהודית, בליקט מיט טריבע אויגען אויף די קינדער. זי האלט דעם חנוכה לאמפ אין די הענט און זיפצט. שטילע טרערען קייקלען זיך פון איהרע אויגען בעטראכטענדיג וואס פון איהרע קינדער איז געוואָרען, ווי זיי טאנצען ארום דעם קריסטמעס בוים און זינגען פארשידענע רזשעז סאנגס.

עס עפענט זיך די טיר. דער פאטער, ר' ישראל, קומט אריין פון שוהל, זעהט דאס בילד ווי זיין ליבע פרוי האלט די מנורה אין האנט און דארטען די קינדער טאנצען ארום דעם קריסטמעס בוים אין זיין הויז. א שווערער זיפץ רייסט זיך ארויס פון זיין פארוואונדעטעס הארץ. שטיל נעמט ער דעם חנוכה לאמפ, שטעלט עס אוועק אויף א פלאץ. שטיל בענשט ער אָן די חנוכה ליכט. די חברה בליקען עס צו פון זייער פלאץ און פייפען אויס מיט א געלעכטער, זאגענדיג:

לזק, לוק, וואט אור אלד מען איז דוואינג! כאַ-כאַ-כאַ...
הי איז סעלעברייטינג היז דזשואיש קריסטמעס. אַ, האַו פאַני
אים איז! (שלע פלאַצען אוים אין א געלעכטער).

דער צאָרן פון פאַטער ברויזט אויף. ער קען עס שוין מעהר נים פאַר-
טראָגען און געהט צו צו דעם פלאַץ וואו עס שטעהען די קינדער און שרייט
אוים מים גרוים כעס:

וואַרפט ארוים דיזע אומווירדיקייט פון מיין הויז! בליקט
אויף יענע קליינע, דינע שוואַכע ליכטלאך, וועלכע לייכטען
הוכט זיך אזוי הונקעל, דאָך האָבען זיי אנגעצונדען די גרויסע
ציוויליזאציאָנס ליכט. זיי האָבען געשאפען אויף דעם אמערי-
קאַנער גייסט פון פרייהייט. אויף דעם פרייהייט גלאָק פון דיזען
לאַנד איז איינגרייהזט די ווערטער פון אונזער הייליגער תורה.
„וקראתם דרור בארץ לכל יושביה”. קאפיטלאך פון אונזער
תהילים ווערען געזונגען אין זייערע קלויסטערס. זאגאר דעם
נאָמ זייערען האָבען זיי קיין גייסט נים געהאַט צו שאַפען ארי-
גינאַל און האָבען איהם פון אונזערס א שטאַל ארויסגעצויגען.
מיר האָבען פראָפעטען פון פרידען דער וועלט געגעבען, און
לעהרער פון איין אידעאלער צוקונפט פון מענשליכקייט און
ברידערליכקייט, ווערענד דיזער בוים מיט זיינע שטעכיגע
נאָדלען, אין ווענענס נאָמען עס ווערט אויפגעשטעלט, און בא-
פוצט, האָט געבראַכט האָס און פינסטערניש, מאָרד און פאַר-
דאָרבענקייט אויף דער וועלט.

טייכען פון בלוט איז פארגאָסען געוואָרען אין זיין נאָ-
מען, און מיליאָנען אידישע קינדער זיינען פריהצייטיג פון דער
וועלט אוועק דורך איהם. די אַשעס פון די טויזענדער אומשול-
דיג פאַרברענטע אויף די אטאַדאַפעס, אידישע נפשות אין
שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, און וואו נאָר די פינסטערע מאַכט פון
די פאַנאַטישע יעזואיטען האָט געהערשט איז נאָך נים אין גאַנ-
צען אויסגעראַסט. די בלוט צייכענס זיינען נאָך נים ארונטער,
און דער ווידער קול פון יענע מאַרטירער קלינגט נאָך אויף

יעצט אפ פון איבעראל וואו דער אנטיסעמיטיזם הערשט. און דאס פינסטערע יעזואיטען מאכט ווערט אויסגעדריקט, אויב ניט דורך אטאדאפעס, איז דורך פראגראמען, דורך דיסקרימינאציעס, דורך באשרענקונגען.

א, קינדער, קול דמי אחיך צועקים אלי, די בלוטיגע שטימען פון אונזערע אידישע ברידער שרייען צו אייך: רעספעקט פאר אייער פאלק, פאר אייער גלויבען, פאר אייער נאמ און פאר אייערע עלטערען! קערט זיך צוריק צו דער אידישער וועג מיט די אידישע זיטען, אום איהר זאלט שפעטער ניט בערייען ווען עס וועט שוין זיין שפעט!

א חוצפה'דיג פרעכער געלעכטער קלינגט אפ פון די קינדער. דער פאטער קען עס ניט מעהר פארטראגען און נעמט דעם קריסטמעס בוים און צוברעכט איהם אויף שטיקלעך און ווארפט עס ארויס, זאגענדיג:

שקץ תשקצנו וגו' . . .

די קינדער גייען אלע אוועק ברוגז.

פארהאנג פאלט.

# דריטע בילד

א סאבארעט: ביי טישלאך זיצען פיעלע פארלעך און שפילען קארדס, איינינע ווארפען דייס, אנדערע שפילען טשעקערס, אדער שאך, איינינע זינגען לידער, וועלכע זיי קענען (מען קען דערוויל פארשטעלען פארשיידענארטיגע טענץ, לויט וואדעוויל מוסטער). דארטען געפינען זיך אויך אונזערע 2 העלדען, שטארק געענדערט און בעטרונקען.

א קריג ברעכט אויס ביי איינעם פון די טישלאך צווישען די שפילערס צוליב א קארט. זה אומר אני זכיתי וזה אומר אני זכיתי: דער זאגט איך האב געוואונען און דער זאגט איך האב געוואונען, ביז מען פאנגט זיך

אן שלאגען, יעסאנס טעלעפאנירט נאך פאליציי, וועלכע קומען און מען ארעסטירט די גאנצע פארזאמלונג.

פארהאנג פאלט.

# פערטעס בילד

צוריק אין הויז פון ר׳ ישראל און יהודית. חנוכה. ר׳ ישראל זיצט פארטראכט, שוין אלט. דאס זעלבע יהודית. זי האלט די מנורה אין די הענט און זיפצט.

יהודית:

ווען עס קומט דער יום טוב חנוכה, ערמאנער איך זיך וואס איך האב געהערט פון אונזער רב, דאס די חז״ל האבען געזאגט, אז „הרגיל בנר הוין ליה בנים תלמידי חכמים״: דאס הייסט, ווער עס איז אפגעהיט אין ליכט בענטשען וועלען זיי האבען גוטע טייערע, געלערענטע קינדער, און דו ווייסט דאך, מיין מאן, ווי אפגעהיט איך בין געווען מיט ליכט בענטשען שבת און יום טוב אין צייט. און ווי אפגעהיט איך בין מיט מיין הנהגה אין הויז פון כשרות. עס איז ביי אונז קיין מאל קיין חילול שבת ויום טוב געווען. איך האב די קינדער אויך אין תלמוד תורה געשיקט ווי זיי זיינען נאך פון סקול געקומען. פאר וואס זיינען מיר אזוי געשטראפט געווארען, דאס אונזערע קינדער זיינען אוועק אויף א שלעכטען וועג.

ר׳ ישראל:

מיין ליבע יהודית, די תורה הקדושה דערציילט אונז דאס ווען אהרון הכהן׳ס קינדער, נדב ואביהו, האבען אריין געבראכט פרעמדעס פייער אין משכן, און זיי זיינען דערפאר פארברענט געווארען, האבען נים נאר אהרן און זייער מוטער געוויינט אויף דעם אומגליק, נאר „וכל ישראל יבכו את השרפה

אשר שרף ה׳״, איז די פראגע, וואס האבען געדארפט אלע אר־
דען ווינען אויף איין פריוואט פאמיליען אומגליק? נאר אז
קינדער פאנגען אן אריין ברייננען פרעמדע אידעאלען אין
זייערע היילינגטימער, איז ניט נאר פאטער און מוטער אליין
שולדיג, נאר דאס גאנצע פאלק, ווייל ווארשיינליך האבען די
קינדער זיך אנגעזעהן ביים אלגעמיינעם פאלק דיזע פרעמדע
קולטור, די אריינמישונג פון פרעמדע אידעאלען אין די אייגע־
נע היילינגטימער. און ביי קינדער איז עס שוין ניט געווען קיין
פארברעכען. יאלה הצאן מה חטאו? זאגט אונז די תורה:
וכהן כי יחטא לאשמת העם. אויב דער כהן אדער דער נשיא
זינדיגט איז עס דאס פאלקס שולד. מיר, דאס גאנצע אמעריי־
קאנער אידיש פאלק, זיינען שולדיג ווארום מיר האבען ער־
לויבט ביי זיך צו שיקען אונזערע קינדער פאר דעם גרעסטען
טייל פון טאג צו פארברייננען אין די נישט אידישע פאבליק
סקולס מיט ניט אידישע קינדער, וואו גאנץ אפט הערען זיי פון
זייערע קריסטליכע חברים און חברות שימפף ווערטער און
בעליידיגונגען אויף זייער אידישער אפשטאמונג. די גאנצע
סקול אטמאספערע איז א קריסטליכע. מען צווינגט אונזערע
קינדער צו זינגען קריסטליכע סאנגס און אנדערע ניט אידישע
אונטערנעהמונגען. און ווען די קינדער זיינען שוין אויסגעמא־
טערט פון זייערע מעגליכע לימודים, שיקט מען זיי ניט ווי־
לענדיג אין חדר אדער אין די תלמוד תורה פאר איין שטונדע
און וואס קען מען אין איין שטונדע אויסלערנען? קוים, קוים
א שטיקעל הילצערנע עברי וועלכע עס צוברעכט זייערע ציין
און דערוויטערט זיי נאך מעהר פונם יודענטום. ווען מיר וואל־
טען אבער געזעהן דאס אונזערע קינדער זאלען קריגען זייער
פאבליק עדיוקיישאן אין די אידישע תלמוד תורה׳ס וואו די
אידישע קינדער זאלען אהין געהן פון פריהמארגען אן, וואל־
טען די אידישע קינדער זיך ניט געמישט מיט די קריסטליכע
קינדער און וואלטען זיך פון זיי ניט אפגעלערענט. און אזוי
איז ווי די תורה זאגט: „ויתערבו בגוים וילמדו מעשיהם״. און

דארום, מיין ליבע יהודית, זיינען נים מיר די שולדיגע, נאר אונזערע פיהרער, אונזערע גבירים און פילאנטראפען, וועלכע שענקען שווערע סומען פאר אלע אינסטיטוציאנס, זאגאר פאר קלויסטערס, פאר שחורים, אבער נים פאר אידישע פאר-ראקיעל סקולס און ישיבות. ווי זאגט שלמה המלך: „שמוני נוטרה את הכרמים כרמי שלי לא נטרתי".

עס הערט זיך א שארפער פייף פון בריעף טרעגר, וועלכער קומט אריין מיט איין אויסגעשריי: א ספּעשעל דעליווערי! ר' ישראל נעמט דעם בריעף מיט ציטערדיגע הענט. יהודית איז שטארק צעשראקען. עס ציטערען ביי זיי די הענט. ענדליך עפענט ר' ישראל דעם קאנווערט און זאגט:

עס איז א בריעף פון די קינדער.

ער פאנגט אן לעזען:

„הייליגער פאטער און טייערע מוטער. מיר בייגען אונזערע קעפ פאר אייך מיט טיפער הרטה אויף אונזער פארפיהרטער פארגאנגענהייט. מיר האבען זייער שטארק געזינדיגט געגען אייך. אבער מיר פיהלען אז עס איז נאך נים שפעט פאר אונז צוריק צו קעהרען זיך צום גוטען וועג. אונזער אומשולד איז אין געריכט איבערצייגט געווארען, אבער דער פאקט דאס מיר זיינען געווען אין אזא נים פיינער געזעלשאפט, גיט אונז א בעגריף ווי נידעריג מיר זיינען געזונקען, און אין אינערליכע שטימע האט אנגעהויבען שרייען צו אונז: שובו, שובו בנים שובבים! צוריק, צוריק איהר פארפיהרטע קינדער! צוריק צו אייער גאט, צוריק צו אייער פאלק און צוריק צו אייערע טייערע עלטערען, וועלכע וועלען אימער זיין גרייט צו אויסשפרייטען זייערע הענד צו ענטפאנגען אייך".

ישראל און יהודית הויבען ביידע אויף די הענד און זאגען ברוך מחיה מתים, געלויבט איז דער השית"ב, מיר האבען צוריק געקראגען אונזערע קינדער. אין דעם עפענט זיך די טיר און ביידע קינדער קומען אריין, פאלען פאטער און מוטער אויפ'ן האלז. ענדליך זאגט משה:

די בעלמעס פון אונזערע אויגען זיינען ארונטער. מיר

זיינען ניי באַזעהלט און ניי באַלעבט געוואָרען. מיר באַזיגערען אונזער פאַרגאַנגענהייט און מיר וועלען אַלעס פאַרבעסערען מיט אונזער צוקונפט, וואו מיר וועלען מקריב זיין אונזער לע־בען פאַר דאָס אויפלעבונג פון אונזער פאָלק אין די גלות לענ־דער צו שאַפען פאַראַקיעל סקולס פאַר אונזער יוגענד, וועלכע וועלען ערצויגען ווערען שטאָלצע, באַוואוסטזיניגע אידען, און מיר וועלען אַרבייטען פאַר די צוריק־שאַפונג פון אונזער זעלבסט־הערשענדע מאַכט אין ציון. אָבער, פאָטער און מוטער, היינט איז דאָך חנוכה, האָסטו שוין געבענטש חנוכה ליכט?

ר׳ ישראל:

ניין, קינדערלאך. די איבערראַשונג פון דיזען אוועגד האָט אונז אזוי צעטומעלט, אז איך האָב גאָר פאַרגעסען צו בענטשען חנוכה ליכט. נו, יהודית טייערע, מיר בענטשען חנוכה ליכט!

אלע שטעלען זיך אויף. ר׳ ישראל בענשט חנוכה ליכט און די קינדער זינגען דאן טאַנצענדיג דיזע ליעד:

אָ, איהר קליינע ליכטעלעך.
איהר דערציילט געשיכטעלאך,
וואונדער פון אַמאָל.
פון אונזער מאַכט און מעטיגקייט
פון אונזער פראַכט און זעטיגקייט
פון ניסים אָן אַ צאָהל
פון אַ פאַרגאַנגענהייט אַ ליכטיגע
פון אַ שפּראַך אַ ריכטיגע
אויף איין אייגען לאַנד.
פון פירשטען און פון קעניגע
פון פעלקער אונטערטעניגע
פון אונזער הויכען שטאַנד.

מיט אייער שיין דעם טייערן
בעזיגט האָט איהר די פייערן
פון דער אינקוויזיציאָן
און מיט אייערע שוואכע פינקעלאך
בעלייכט איהר אלע ווינקעלעך
פון אונזער נאציאָן.

איהר דערמאָנט אונז אין די גייסטינקייט
פון אונזער שטאלץ און דריסטינקייט
צו א היילינגע קריג.
צו א קאַמף פאר מענשען רעכט
בעפרייען זיך, נים זיין קיין קנעכט
א מאַכאַבעער זיעג.

צינדט די חנוכה ליכטעלעך
זיי לערנען אונז די פליכטעלעך
נים זיין צו שפאט און שאנד.
הויבען הויך די ציון פלעג.
געהן מיט שטאָלץ אויף יענעם וועג
וואָס פיהרט צו אונזער לאנד.

(התקוה — ענדע)

# מרדכי ואסתר

## פורים דראמע

זעהר אינטערעסאנט און אמוזירענד.
גוט פאר גרויס און קליין.

פון
הרב הלל יעקב הורוויץ

——:□:——

# Mordechai and Esther

## A PURIM DRAMA

Very Interesting and Amusing

BY

RABBI H. J. HOROWITZ

*Copyright Reserved*

# מרדכי ואסתר

## פורים דראמא

פערזאנען:

אחשורש, קעניג

אסתר, קעניגען

בגתן ותרש, געגעראלען

חרבנה, קעניגס שליח

המן

זרש, זיין ווייב

סעקרעטער

פילע אנדערע דינער

ס צ ע נ ע :

א קעניגלעך פאלאץ. אויף דעם טראָן זיצט אחשורש. ארום איהם פילע גענעראלען. (עס קען אויך זיין ביי א באנקעט).

אחשורש רעדט:

יא, ער איז גאר נים קיין נאר מיין פריינד המן.
ער האָט מיר קיין רעה נים געטאָן.
צו טויטען ושתי האָט זיך מיר געלזינט
ווייל איך האב א שענערע קעניגען געקרוינט.
אמת ושתי איז אויך געוועזען זייער שיין
אבער נעגען אסתר'ן איז זי ווי די נאכט.
עס ליגט אויף אסתר'ן א הימלישער חן.
און די קרוין פאסט איהר א פראכט.
איך מוז המן'ען גאנץ שיין באלוינען
איך וועל איהם אלס מיין מיניסטער קרוינען
ווייל ער בעזיצט פארשטאנד
און ער מוז זיין מיין רעכטע האנד.
אלע פאטשען. המן פארנויגט זיך.

קעניג צו המן :

מיין ליבער המן. דו ביזט קלוג ווי די שלאנג
איך ערהויב דיך יעצט צו א הויכען ראנג.
דו ווערסט יעצט פרינץ אין מיינע אויגען
און יעדער מוז זיך פאר דיר בויגען.
איך טו מיין רינג אויף דיין פינגער אָן,
און דאָס נים דיר מאכט אלעם צו טאָן.

המן :

איך דאנק דיר קעניג פאר דיין צוטרוי צו מיר.
איך וועל זיך בעמיהען זיין ווירדיג פאר דיר.
איך וועל דיינע שונאים אלע אומברייננגען
איך וועל דיינע פאררעטער אלע אויפהייננגען.

אלע בוקען זיך צו המן, און ער נעהט ארוים מים שטאלץ. ביים ארויסגאנג שטעהט מרדכי היהודי.

המן צו מרדכי:

יהודי, ערפיל גאנץ שנעל, דעם קעניגס באפעל,
און בויג זיך און קוש מיין האנד.
זאנסט וועסטו ווערען געשלאגען, מען וועט דיך פאריאגען
פון אונזער לאנד. מים שאנד.

מרדכי:

הער צו דו נארישער ברוט, איך קען דיך גאנץ גוט.
אז דו ביזט פאלש ווי די שלאנג.
נאר דורך בעטרוג, נים וויל דו ביזט קלוג.
האסטו געקראגען דיין ראנג.
און דארום איז אומזיסט דיין מיהען,
איך וועל מיך נים קניהען,
פאר א שונא פון קעניג.
קענסט מיך נים נארען,
איך בין גענוג ערפארען,
און וועסט מיך נים מאכען אונטערטעניג.

המן:

גוט, איך בין גרייט צו דער שלאכט,
איך וועל דיר צייגען מיין מאכט,
א ווי עס טוט דאס בלוט אין מיר זידען.
איך וועל נים דולדען, נים ליידען,
ביז איך וועל פארשניידען
דיך מיט אלע דיינע אידען.

מרדכי:

אומזאנסט טוסטו זיך פראלען
אז דו וועסט די אידען אומברייגנען;
און דער גרוב וואס דו גראבסט וועסטו אליין אריינפאלען
און אויף דיין אייגענער תליה וועט מען דיך הענגען.

המן געהט אוועק מיט כעס. עס קומען ארויס פון פאלאץ בגתן און תרש. זיי שטעלען זיך אין א ווינקעל אומבאמערקט פון מרדכי'ן און רעדען.

בגתן:

הער זיך צו פריינד תרש, דו פארשטייסט אייך אינטערעס.
מיר זיינען דאך פון ושתי'ס משפחה.
מיר מוזען נעמען נקמה פאר דער נאבעלער נשמה
און זיך רעכענען מיט איהר מערכה.
מיר מוזען דעם קעניג פון וועג אפראמען
און מיט גיפטיגע וויין איהם פארסאמען.

תרש:

בגתן, דיין עצה געפעלט מיר זייער גוט
און מיר מוזען עס טאן גלייך די מינוט.
המן האט געזאגט אז מיר זאלען נים פארזאמען
נאר גלייך געהן, און דעם קעניג פארסאמען.

זיי גייען ביידע אוועק.

מרדכי, צו זיך:

הא! המן און בגתן און תרש פלאנען דעם קעניג צו פארסאמען. א ניין! דער קעניג מוז גערעטעט ווערען. איך מוז גלייך געהן מעלדען אסתרן . . . אפ.

אסתר פאר'ן קעניג:

מיין ליבער קעניג, דו האסט פיעלע פאררעטער.
דו ווערסט זיך ארום זעהן ערשט שפעטער.
דערוויל גלייך פארהאפט בגתן און תרש.
ווייל זיי ביידע האבען אייך אינטערעס.
אויסצופיהרען די פלאנען, מיט וויין דיך פארסאמען.

קעניג:

מיין ליבע קעניגען, ווי אזוי האסטו ערפארען,
פון מיינע לעבענס געפאהרען?

אסתר:

עס האט דיין לעבען פארהיט, מרדכי דער איד.

ער האָט צופעליג געהערט ווי זיי פּלאַנען.
כאָטש זיי האָבען גערעדט אין איין אנדער שפּראך,
אָבער מרדכי האָט אַלעס פארשטאַנען,
און האָט מיר געמעלדען די זאך.
און א דאנק מרדכי דעם קעניגס פריינד
וועסטו ווערען גערעטעט פון דיינע פיינד.

אין דעם קומען אריין בגתן און תרש האַלטענדיג פולע בעכערס וויין וועלכע זיי טראָגען צו צום קעניג, באמערקענדיג:

פאר׳ן פאָלקס וואָהלזיין, טרינקט קעניג און קעניגען דיזען וויין.

דער קעניג נעמט דעם בעכער וויין אין זיינע הענד, בעטראַכט עס, און זאָגט:

עפּעס קומט מיר פאָר דיזער וויין פארדעכטיג. רופט אריין מיין לייב דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר קומט אריין און בעטראַכט די וויין און זאָגט:

איך געפין אין דעם וויין געמישט א שטאַרקען גיפט,
וואָס טויטעט אוינגעבליקליך.

בגתן און תרש ציטערען, פאַלען אויף די קניה און שרייען פאר מיט־לייד קעניג. אלע זיינען אין שרעק.

דער קעניג:

בגתן און תרש, אייגענטליך האָב איך געדאַרפט הייסען אייךביידען טרינקען פון דיזען וויין און דאָס וואָלט געמאַכט איין ענדע צו אזעלכע פאררעטער גאַנץ שטיל און שנעל. אָבער איך וויל אז אלע זאָלען וויסען וואָס עס ווערט געטאָן צו פאר־רעטער, דארום זאָל מען זיי ביידען אין א פּאָבליק פּלאַץ אויפ־הענגען.

און מען זאָל פארשרייבען אין די ביכער
וואָס עס האָט געטראָפען אין מיין לאַנד.
אז מיין לעבען איז געוועזען נים זיכער
און געמאַכט מיין פאָלק צו שאַנד.
ווערענד דער איד איז איבערגעגעבען
און האָט גערעטעט מיין לעבען.

מען מעלדעט דעם קעניג דאָס המן וויל אריין. אסתר פארגוינגט זיך און נעהט ארוים. המן קוממ אריין, פארגוינגט זיך פאר'ן קעניג און זאָגט:

דו ווייסט ווי איך בין דיר איבערגעגעבען
מיט מיין גאנצען לעבען.
און דארום וויל איך דו זאָלסט מיך אויסהערען
וואָס איך וועל דיר ערקלערען:
עס איז פאראַן א פאָלק אויף דער וועלט פארשפרייט
זיי געפינען זיך אויך אין דיין לאַנד,
זיי זיינען ווערט צו ווערען געטויט
צו לאָזען זיי לעבען איז נאָר א שאַנד.
זיי זיינען גרויסע פאררעטער.
זיי גלויבען נים אין אונזערע געטער.
זיי לעבען איבעראַל ווי פאראַזיטען,
אונזערע געזעצען ווילען זיי נים היטען,
ווען ביי אונז איז א שמחה, איז ביי זיי א לייד,
ווען ביי אונז איז א טרויער איז ביי זיי א פרייד,
זיי זיינען נים ווערט מען זאָל פון זיי ליידען
דאָס בעסטע איז זיי אלע פארשניידען.
צו פארניכטען דיזע אומגעוואונשטע ראַסע.
וועל איך דערויף עפענען מיין גאַנצע קאַסע
10 טויזענד שקלים אויף הוצאות וועל איך געבען
קיין איינציגער זאָל פון זיי נים בלייבען לעבען.

קעניג:

גוט, פריינד המן, איך גיב דיר מיין הסכמה.
דו זאָלסט נעמען פון זיי נקמה.
און קענסט זיך גלייך פאָרברייטען
זיי אלע אין איין טאָג אויסטויטען.

המן פארגוינגט זיך און נעהט ארויס פון קעניג האלטענדיג אין האנד א שריפט וועלכע ער הייסט פארעפענטליכען איבערן גאַנצען לאַנד, און ער לעזט עס הויך:

אין דעם קומענדען יאָהר
אין דעם חודש אדר
זאָלען אלע זיך פארברייטען
אלע אידען צו אויסטויטען.

מרדכי ווען ער לעזט דורך די שרעקליכע גזירה, רייסט זיינע קליידער
און ברעכט אויס אין א געוויין מיט א תפילה:

עס שוידערט מיין קערפער פון מורא
פאר דיזער פינסטערער גזירה.
א גאָט, דו האָסט פארשריבען אין דער תורה
אז מיר זאָלען נים האָבען קיין מורא.
עס וועט אונז קיינער קענען פארשניידען.
יעצט אזא פינסטערער קלאג
אונז אלע צו טויטען אין איין טאג
ווי קען מען דעם אומגליק פארמיידען.

איהר אבות שטעהט אויף פון די קברים
בעטראכט ווי עלענד מיר זיינען, ווי ארעם
קיין נביא וואס זאָל פאר אונז בעטען.
זאָל גאָט פאר אונז האלטען מלחמה
פון עמלק'ן נעמען נקמה
און פון המן'ען זאָל ער אונז רעטען.

מרדכי רעדט צו זיך אליין:
אבער איז דא נים געווען די געטליכע השגחה
וועלכע האָט געטאַכט אז מיין אסתר זאָל קעניגען ווערען
און דורך איהר וועט ער המן'ס פלאַן צושטערען.
יא, איך מוז איהר געהן זעהן און מעלדען איהר
פון אונזער געפאהר, און המן'ס גזר. — אָפּ.

מרדכי צו אסתר'ן:

זייער גרויס איז אונזער קלאג
מען וויל אונז אויסטויטען אין איין טאג
המן הרשע מיט זיין פינסטערע טאַכט

האט אויף אונז דיזען אומגליק געבראכט.
און נאר דו, מיין קינד, קענסט דעם פלאן צושטערען
דער קעניג ליעבט דיך און וועט דיך צוהערען.
דו מוזט דעם קעניג בעטען
און זאלסט מיין פאלק רעטען.

אסתר:

יא. אבער ווי קען איך עס טאן
איך שטעל דאך מיין לעבען אין קאן
צום קעניג געהן מוז מען זיך פארבארייטען
זאנסט קען ער מיך גלייך טויטען.

מרדכי:

הער צו, מיין קינד, ווי קענסטו עס פערליידען
וויסענדיג דאס דיין פאלק ערווארט דער טויט
דענקסטו אז די צרה וועט דיך אויסמיידען
און דו וועסט געניסען לעבען און פרייד?
אויב דו וועסט שווייגען און גאר נישט טאן
צו רעטען דיין פאלק פונ׳ם רשע המן.
וועט דאך קומען אויף דאס אידישע פאלק איין הצלה
און דו חו״ש וועסט נאך האבען איין מפלה.
ניט אומזאנסט האט גאט דיך אלס קעניגען בעשערט
אום דורך דיר זאל המן׳ס פלאן ווערען צושטערט.

אסתר:

יא. איך בעדויער, וואס זאגאר אויף איין מאמענט
האט מיך די קרוין פארבלענדעט
און האט מיין זינען מיך פארטעמפט.
גלייכגילטיג צו זעהן ווי מיין פאלק ווערט געשענדעט
איך דריק אוים מיין חרטה מיט מיין גאנצען געפיהל
איך וועל ניט עסען ניט טרינקען 3 טעג נאך אנאנד,
ביז ג׳ וועט אויסשטרעקען זיין הילפענדע האנד.
און זאל געשעהן מיט מיר וואס עס וויל

איך וועל יעצט נים בלייבען שטיל.
איך וועל נים געבעטענערהייד צום קעניג געהן
איך טאר יעצט רוהיג נים בלייבען שטעהן.
און וועל טאן מיין פליכט ווי איין אידיש קינד,
שווייגען וואלט געווען די גרעסטע זינד.
איך געה. איך געה. פאטער.

זי זינגט: אלי אלי למה עזבתני...

פארהאנג פאלט.

# צווייטע סצענע

ביים קעניגליכען פאלאץ. אסתר אין איהר פולען פראכט און גלאנץ, זיס מיט איהרע בעדינערינס, ווערט באמערקט פון קעניג. ער שטעלט זיך אויף און באגעגנט איהר מיט זיין געניינסטען צעפטער צו איהר. זי בויגט קניען און בעריהרט עס מיט איהר האנד.

ג:

וואס פארלאנגסטו, מיין קעניגען, מיין לעבען
וואס איז דיין באגעהר?
זאג נאר א האלבע קעניגרייך דיר אוועקצוגעבען
וועט מיר אויך נים זיין שווער.

איך וואלט דאן פאלש געווען צו דיר
ווען איך זאל פאר מיר הערשאפט בעטען
מיין ריינע ליבע וואס איך פיהל צו דיר
דאס אליין מוט מיך שוין זעטען.
איך מאך א פעסט אין דיין נאמען
און וויל אז דו זאלסט מיך בעעהרען.
נעם אויך מיט דעם פרינץ המן
אויך איהם צו זעהן בין איך געדען.

קעניג:

דיין פארלאנג וועט ווערן ערפילט גאנץ פיין
און איך, אויך המן וועלען דיינע געסט זיין.
אסתר באדאנקט דעם קעניג און גייט ארויס.

קעניג צו חרבונה:

לויף שנעל צו המן
און זאג איהם די בשורה אן.

חרבונה גיהט אפ און באגעגענט ביים פאלאץ המן און זרש.

חרבונה צו המן:

העי, העי, המן זיי ביי זיך פעסטער
דו ביזט הויך געשעצט ביי דער קעניגין אסתר.
זי מאכט מארגען א קעניגליכען פעסט
און בלויז דער קעניג און דו זיינען איהרע געסט.

המן:

עס פרייט מיך ווירקליך אזעלכעס צו הערען.
און צו דער קעניגינס פעסט וועל איך קומען גאנץ גערען.
זעה נאר מיין גדולה, ווער איז צו מיר גלייך
איך בין א פרינץ און דער צו זייער רייך.
די גרעסטע מענשען וועלען זיין מיינע מחותנים
די שענסטע מיידלעך וועלען הייראטען מיינע בנים
און ווי מיר שיינט, איז די קעניגין נים גלייכגילטיג צו מיר,
זי מאכט עקסטרא א פעסט צוליעב דיזען ציעל...
זי האט קיין אנדערען געלאדען בלויז נאר מיר
און מיין שלויקיים איז צו דאנקען דאפיר.
נאר עס ווערט מיר פארדונקעלט מיין גליק
ווי נאר איך טו אויף מרדכי'ן א בליק
ער איז אין מיינע אויגען אזוי ווי א דארן,
און עס ברויזט אין מיר אויף מיין צארן.
מיין גאנצע פרייד קען מיר נים אנגעהן
ווען איך זעה מרדכי'ן ביים פאלאץ שטעהן.

איין איד זאל האבען אזא סארט מוט
מאכט מיר זידען און קאכען מיין בלוט.

צו המן :
הער מיך צו המן, וואס דו זאלסט טאן,
דאס וועט דיר רוהע ברייגגען.
קריג דעם קעניגס הסכמה
צו דיין נקמה.
עס זאל נים זיין קיין מניעה,
היים מאכען א תליה
מען זאל אויף דעם מרדכי'ן אויפהענגען
זאלסט גלייך עס זעהן
אז עס זאל געשעהן
וועסט דאן געהן צום פעסט צופרידען
דאס דו_וועסט מעהר נים זעהן דעם אידען.

מן :
זרש מיין פרוי, דיין עצה איז גוט
איך וועל נים רוהען קיין מינוט
קום גלייך אהיים אלעס פארבארייטען
זעהן וואס פריער די תליה אנגרייטען.

ביידע אב.
פארהאנג פאלט.

# צווייטער אקט

קעניגליכער פאלאץ. עס איז שטיל. דער קעניג זיצט אנגעשפארט מיט זיינע הענד צום קאפ, פיהלט זיך אויפגערעגט און אומרוהיג. ענדליך רעדט ער ארוים פאר זיך אליין:

וואס זאל עס באדייטען, ווי קען איך עס פארשטיין,
אסתר מאכט א פעסט, און לאדעט בלויז המן'ען אליין.

דאס קרענקט מיך שטארק, איך פיעל גרוים צער,
צי שוועבט נים אויף מיין לעבען ווידער א געפאהר
פרשנדתא! עס מישען זיך מיר מיינע רעיונות,
לעז מיר פאר דעם ספר הזכרונות
איך וויל וויסען ווי מיין מלוכה זיך פיהרט
אלעס וואס האט אין מיין רעגירונג פאסירט
לעז כסדר לויט אלע סמנים
ווער זיינען מיינע פריינד, ווער זיינען מיינע שונאים.
ווער עס איז מיר געטריי, און ווער איז א פאררעטער
לעז כסדר דורך אלע בלעטער.

פרשנדתא:

אין דעם דריטען יאהר און מאנאט דעם צווייטען
האט דער קעניג געהייסען ושתין טויטען.
אין דריטען מאנאט האט המן געהייסען בעריכטען
אז אלע אידען זאל מען פארניכטען.
אין דער זעלבער צייט האט עטוואס שרעקליך פאסירט
בגתן וחרש האבען אין דער שטיל רעוואלטירט
און האבען געפלאנט דעם קעניג פארסאמען,
ווען מרדכי היהודי וואלט זיי דעם ווענ נים פארצאמען
דורך די טריישאפט פון דיזען געלערענטען איד,
איז דאס לעבען פון קעניג געווארען פארהיט.

קעניג:

פארשנדתא, איך וויל זאלסט מיר גלייך זאגען,
וואס פאר א לוין האט מרדכי געקראגען
פארזיין טרייהייט צו מיר
וואס האט מען איהם געגעבען דאפיר.

פרשנדתא לעזט:

לויט דעם באפעהל פון פרינץ המן,
האט מען מרדכי'ן קיין זאך געטאן.
אין דעם ווערט געמאלדען אז המן קוטט.

ניג :
אריין.

מן קומט אריין, פארנוינט זיך און דער קעניג זאגט:

זאג מיר פריינד המן,
וואס זאל מען טאן
צו דעם מאן וואס דער קעניג האט ליעב.
ווי זאל מען איהם באלוינען
ווי זאל מען איהם בעשוינען
איין ריכטיגע עצה מיר גיעב.

מן : (רעדט פאר זיך — ער מוז געווים מיינען מיר).
מען זאל איהם פארשאפען די גרעסטע פריידען
מען זאל איהם מיט דעם קעניגס קליידער בעקליידען
און אויף דעם קעניגס פערד זאל ער ארום רייזען
און כבוד און גדולה זאל מען איהם ווייזען.
און דער העכסטער פרינץ פון דעם קעניג
זאל זיין צו איהם אונטערטעניג,
און געהן פאראויס און הויך אויסשרייען,
זא דאס אלע זאלען הערען,
ווי דער קעניג קען זיינע פריינד שעצען און עהרען.
ער טאר זיך דערפון נים בעפרייען
„ככה יעשה, אזוי טוט מען בעלוינען
דעם וואס דער קעניג טוט עהרען.
ככה יעשה, אזוי טוט מען בעשוינען
דעם וואס דער קעניג ליעבט גערען".

קעניג צו המן :
אויב אזוי, פרינץ המן, זאלסטו עס טאקע טאן.
דאס איז מיר שטארק געפעלען,
צו מרדכי, דעם איד, וואס האט זיין לעבען פארהיט,
זאלסט קיין האר נים פארפעלען.
המן זינקט זיין קאפ ארונטער און וויל עפעס רײדען, אבער דער

קעניג לאזט איהם ניט און זאגט:

המן, געה גאנץ שנעל, ערפיל מיין באפעהל.

המן געהט ארויס און באגעגענט מרדכי'ן. ער געהט צו איהם צו און זאגט:

איך האב א קעניגליכען באפעל דיך אנקליידען גאנץ שנעל
אין די קליידער געמאכט פאר דעם קעניג.
האסט דערלעבט גליקליכע צייטען,
אז דו זאלסט אנהויבען רייטען
און איך מוז דיר זיין אונטערטעניג.

מרדכי:

האסט געדארפט דערויף זיך ריכטען
דעם איד וועסטו קיין מאל פארניכטען.
ווייל גאט אליין איז זיין וועכטער
און זיין משפט איז א גערעכטער.

אין דעם קומט אן זרש צו זאגען אז די תליה איז שוין גרייט.

המן צו זרש:

וואלסט זיך געריכט אויף אזא מפלה,
אז איך זאל קריגען אזא שרעקליכע קללה.
אנשטאט מרדכי'ן צו הענגען ווי איך האב געטראכט,
האט יעצט מרדכי איבער מיר גאר די מאכט.

זרש:

אויב מרדכי איז גאר פון די אידישע זריעה
דאן איז אומזאנסט אונזער גאנצע מיהע,
ווייל זיין גאט וועט איהם אימער היטען
פון אלע זיינען אנטיסעמיטען.
און קוים נאר האט די זון פאר איהם אנגעהויבען שטראלען
דאן וועסטו שוין פאר איהם פאלען און פאלען.

המן זעצט מרדכי'ן אויפ'ן פערד און פיהרט מרדכי'ן, שרייענדיג:
ככה יעשה.

פארהאנג פאלט.

# דריטער אקט

פארבאריטעט א פעסט אין קעניגליכען פאלאץ מיט מוזיק און פאר שידענע טענצערינס און זינגער און זינגערינס, שפילער און שפילערינס, וואס די פראמאטערס קענען פארבאריטען. קעניג און קעניגע, המן און זרש זיצען ביים טיש.

קעניג צו אסתר:

וואס פארלאנגסטו מיין קעניגין, מיין לעבען
וואס איז דיין באגעהר,
זאגאר ביז האלב פון מיין מלוכה דיר צו געבען
וועט מיר אויך נים זיין שווער.

אסתר:

נים קיין הערשאפט וויל. איך זאלסט מיר געבען
אויך נים קיין מתנות
איך פארלאנג בלויז דאס זיכערקיים פון מיין לעבען
וועלכעס שטעהט אין גרויס סכנות
וואס דורך איין נידעריגען סוביעקט
איז דיין נאמען געווארען פארפלעקט.
ער האט געווירקט אויף דיר דו זאלסט ערלויבען
מיך מיט מיין פאלק פארניכטען און בערויבען.
קיין מיטלייד אויף א גאנץ פאלק צו האבען,
נאר אלעמען אין איין טאג באגראבען.
עס וואלט מיך נים פארדראסען אזוי שטארק
ווען ער פארקויפט אונז אויף א מארק,
אלס עלענדע ארביימער שקלאפען,
פאר'ן קעניג רייכטום צו שאפען.
אבער אזוי אויסראטען איז א שאנד
דאס וועט ברייננען א שמאך דיין לאנד.
און דו וועסט ווערען צו שפאט,
און אויך באשטראפט פון אונזער גאט.

קעניג:

ווער איז דער יעניגער וואס איז אזוי געמיין,
און אזא נידערטרעכטיגקיים געוואלט באגעהן.

אסתר:

דאס האט קיין אנדערער געטאן
ווי נאר דיזער רשע המן.
ער מיט בגתן און תרש צוזאמען
האבען געפלאנט דיך צו פערסאמען.
אויך ער האט געשטערט מרדכי'ן צו בעלוינען
און האט געזוכט נאר מרדכי'ן פארשטיינען
פאר זיין נאבעלע מהאט
אין אויפדעקען דעם המן פארראט.
נאך היינט האט ער איהם געוואלט אומברייגגען
און אויף א הויכען בוים אויפהייגגען.

המן צו אסתר:

א קעניגין, האב מיטלייד מיט מיר,
איך בין שרעקליך פארליבט אין דיר.

קעניג:

שווייג, דו הונט, קיין רחמנות אויף דיר.
אויך מיין קעניגען ווילסטו רויבען פון מיר.

חרבנה:

דאס בעסטע איז ער זאל ווערען געטויט
ווייל ער איז דיר דער גרעסטער פיינד.
ער האט א תליה שוין אויך אנגעגרייט
פאר מרדכי, דיין בעסטען פריינד.

קעניג:

דאן זאל ער גלייך ווערען געהאנגען
טוים צו אזעלכע פאלשע שלאנגען.

אסתר:

איך דאנק דעם קעניג פאר די גוטע טאט

אבער איך קען נאך נים רוהען. איך בין נאך נים זאט.
ביז דו ועסט די גזירה ציהען צוריק
און שאפען מיין פאלק אביסעלע גליק
צו געניסען דעם טעם פון נקמה געפילען
אום זייער טרויער זאל זיך איינשטילען.

[קע]ניג:
דיין וואונש זאל ווערען ערפילט.
און די גזירה זאל ווערען געשטילט.
איך מאך אויך צו יעדען בעקאנט
אז מרדכי ווערט „פרינץ" גענאנט.

הייסט ארוין רופען מרדכי'ן און טוט איהם אן זיין רינג. אלע שטע[ל]ען זיך אויף פאר מרדכי'ן.

—

מרדכי זאגט:
די פרייד איז זייער גרויס.
נאך האט פארהיילט אונז אלע יסורים.
דארום זאלען אלע אידען פון קליין ביז גרויס
פייערען איין יום טוב פורים.
אלע זאלען זיך פרייען און זיין צופרידען
דאס גאט פארלאזט נים זיינע אידען.
גים איינס דעם צווייטען שיינע מתנות
זיים מקיים משלוח מנות
פייערט פורים יעדען יאהר,
אין דעם 14-טען אדר
לייענט דאן די מגילת אסתר
אייער טרייע אידישע שוועסטער.

—

מען זינגט דאן שושנת יעקב, און אויך די פורים ליעד:

## פורים ליעד

אידען טרינקט א כוסה
די שמחה איז א גרויסע

גרויס איז די הצלה
פאר אונז א גרויסע נחמה
צו זעהן א נקמה
פון המן׳ס מפלה.

המן האט געלאכט
עס האט זיך איהם געדאכט
די אידען אומצובריינגען
און די ענדע פון זיין מיהע
איז געווען א תליה
פאר איהם אליין צו הענגען.

זאלען אלע גוים
די ווילדע רשעים
וואס שאפען אונז יסורים
די זעלבע צרה כאפען
מען זאל זיי צוקלאפען
ווי המנ׳ען אום פורים.

(ענדע)

# משפט פורים

## איינאקטער

אידעע אדאפטירט,מיט פיעלע אייגענע אריגינעלע איסבעסערונגען
און צוגעגעבענע כאראקטארען. זייער אינטערעסאנט און
באלעהרענד. לייכט צו דורכפיהרען. לעבעדיג און פריילאך.

פון

הרב הלל יעקב הורוויץ

——:□:——

# The Trial of Purim

One Act Comedy. Very Simple and Vivid
Easy to produce and it is very instructive.

About 12 or 14 characters.

BY

RABBI H. J. HOROWITZ

*Copyright Reserved*

# משפט פורים

—

איין אקט קאמעדיע

פערזאנען:

שופט

אחשורש

מרדכי } אנגעקלאגטע
אסתר
המן

זרש

פורים

פסח

סוכות

שבועות } אנקלעגער
משה
חנוכה

יהודה המכבי

פאליסליים

סעקרעטארם

—

# סצענע

א געריכט זאַל אין וועלכען, אויף א הויכען פּעדעסטאַל, זיצט דער ריכטער אָנגעטאָן אין א ריכטערליכען מאַנטעל, ברילען אויף זיין נאָז. אויף דעם טיש ליגט א גרויסער ספר און א גלעקעל.

פון איין זייט שטייען די אָנגעקלאָגטע. אחשורוש קעניגליך אָבער ווייער טיפּש'דיג. אסתר מאַיעסטעטיש שטאָלץ מיט א קרוין אויפ'ן קאָפּ. מרדכי פּאַטריאַרכאַליש מיט א לאַנגע שוואַרצע באָרד, האַלט א מגילה אין האַנד. המן, קאָמיש (אַלא טשאַרלי טשאַפּלין). זרש, דאָס זעלבע (אָדער היינט מאָ־דיש). פּורים, ווי א קלאָון מיט א גראַגער אין האַנד.

פון צווייטען זייט שטעהען משה, ערהאַבען, האַלט די לוחות. פּסח, אַלס פרייהייטס געטין. שבועות,־מיט א בלומען קראַנץ אויפ'ן קאָפּ, האַלט א תנ"ך. סוכות, א פּאַלם צווייג אין האַנד. יהודה המכבי, שטאָלץ מיליטע־ריש מיט ווייס און בלוי געדרעסט, מיט א שווערד אין האַנד.

ווען דער פאָרהאַנג עפענט זיך זעהען מיר אַלעמען שטעהן אין אָר־דענונג.

דער ריכטער קלינגט מיטן גלעקעל אַלס צייכען אז דער משפּט פאַנגט זיך אָן.

ריכטער:

סעקרעטאַר, לעז פאָר די קלאַגע!

סעקרעטאַר:

די הערען אָנקלעגער מיט משה און יהודה המכבי אַלס זייערע פאַרטרעטער פאָדערען איין אויסשליסונג פון דעם יום טוב פּורים פון דעם אידישען לוח, און איין פערזענליך געזעל־שאַפטליכע אבזונדערונג פון די פּורים העלדען.

ריכטער:

משה, אַלס דער עלטסטער פון אַלע ווערט אויפגעפאָ־דערט צו אָנגעבען זיין קלאַגע.

משה טרעט ארויס און זאָגט:

איך, אַלס דער פאָטער פון דיזע 3 ערהאַבענע שטאָלצע שעהנע טעכטער. געטינס פון פרייהייט און מענשען ליבע, בין

אויפגעפאָדערט געוואָרען פון זיי צו ברענגען אַ קלאַגע געגען
דעם גר פּורים מיט זיין קאָמפּאַניע וואָס האָבען זיך אַריין גע־
שמוגעלט אין זייער געזעלשאַפט. און יעדע איינע פון מיינע
טעכטער האָט איהר גערעכטע טענה. איך בעט דעם געעהרטען
ריכטער זיי צו אויסהערען.

ריכטער:

פרײלין פסח, אלס די עלטסטע פון אלע, גיב דיין קלאַגע.

פסח פאַרנייגט זיך, טרעט שטאָלץ אַרויס און זאָגט:

יאָ, איך בין ווירקליך די עלטסטע פון אַלע, און דאָס
מאַכט מיך נאָך שטאָלצער, און דרייסטער פאַר מיין גערעכטער
פאָדערונג ניט צו האָבען אין אונזער געזעלשאַפט אַזאַ נידעריג
שקלאַפיש באַשעפעניש ווי פּורים. איך בין שטאָלץ מיט
מיין הערליכע אָפּשטאַמונג וואָס דערמאָנט אויף פרייהייט און
פריידען. איך האָב באַפרייט אַ פאָלק פון שקלאַפעריי, פון ער־
נידערונג, ווערענד פּורים איז געבאָרען געוואָרען דורך שקלאַ־
פעריי. ווען דעם נאַרישען קעניג אחשורש (צייגט מיטן פינגער)
האָט זיך פאַרגלוסט צו מאַכען לוסטיג האָט ער געטראָטען אויף
די מאָראַלע געפיהלען און עסטעטישע פּרינציפּען פון זיין פרוי
ושתי, און ווען זי האָט ניט געוואָלט זיך ערנידעריגען פאַר דער
באַנדע ליידענשאַפטליכע שכורים, און האָט מיט ווירדיגען
שטאָלץ פאַרטיידיגט איהר מאָראַלע רעכט, האָט דער ברוטאַ־
לער מאַן איהר פאַראורטיילט צום טויט.

און ווען די צוויי רעוואָלוציאָנערע נאָבל לייט בגתן
ותרש האָבען געוואָלט בעפרייען דאָס לאַנד פון דיזען טיראַן,
האָט מרדכי היהודי זיי פאַר'מסר'ט און מען האָט דיזע צוויי
פרייהייטס קעמפער אויפגעהאָנגען.

דער טיפּש אחשורש האָט אַרויסגעבראַכט דאָס געזעץ אַז
יעדער מאַן זאָל זיין אַ הערשער אין זיין הויז, ווערענד איך
האָב געלערענט אַז קיין הערשונג זאָל ניט זיין נאָר פרייהייט
גלייכהייט און ברידערליכקייט.

אסתר האָט געזאָגט דאָס ווען מען וואָלט איהר מיט
דאָס גאַנצע אידישע פאָלק פאַרקויפט פאַר שקלאַפען וואָלט

איהר נים געקימערט, ווערענד איך האב מיין פאלק פון שקלאַ־
פעריי ארויסגעטמען. ניין, ווערטער ריכטער. עס איז גאר נים
ווערט מען זאל וועגען דעם פיל דעבאטירען. איינס פון די
ביידע, אדער פורים זאל ארויסגעוואָרפען ווערען, אדער איך
פסח מיט די מצות, מיט די קניידלאך, מיט דער הגדה און די
קשיות, מיט די כוסות, מיט'ן גאנצען חד גדיא זאלען ארונ־
טער. (פויזע).

ריכטער:

שבועות, וואס האסטו צו זאגען.

שבועות טרעט ארויס און זאגט:

איך, דער יום טוב פון בלומען, דער פרילינג געזאנג פון
דער וועלט, וועלכע אטעמט מיט לעבען און פרייד, איך דער
יום טוב פון דער מענשליכער ציוויליזאציאן, דער יום טוב וואס
האט געבראכט ליכטיגקייט פאר דער גאנצער וועלט מיט דער
תורה וועלכע פארבאט שקלאפעריי און אונטערדריקונג, ווי
קען איך זיך גלייכען צו א יום טוב פון בעטלערס, פון שנארערס,
פון שקלאפעריי און פינסטערניש. ניין, איך וויל נים פורים אין
מיין געזעלשאפט. (אב צוריק).

ריכטער:

סוכות, וואס איז דיין קלאגע.

סוכות:

איך, דער זמן שמחתנו, דער יום טוב וועלכער ערינערט
דאס אידישע פאלק אויף זיין הערליכען און גליקליכען שטאנד
וואס האט געהאט א מלוכה און א לאנד, ווען עס האט אריינ־
געבראכט אין זיינע שפייכלערס די געטריידע, די פרוכט פון
זיינע פעלדער און וועלדער, און די פארמערונג פון זיינע שאף
און רינדער, ווען עס האט זיך געטראגען איבער דעם גאנצען
לאנד דאס געזאנג פון די שניטערס, און דער יובל פון זיינע
זעלנער. און ווי גליקליך האט זיך דאס פאלק געפילט ווען אלע
ארעם און רייך, אלט און יונג, שטארק און שוואך, האבען מיט
שמאלצע לולבים מיט מהודרדיגע אתרוגים און פארפיומירטע־
דע הדסים און איינפאכע ערבות אלס סימבאלישע צייכענס

אויף אלגעמייגעם פרידען און אלגעמיינע פאראייניגונג פון די פארשיידענע מענשליכע קלאסען. פאראדירט אין הייליגען טעמפעל זינגענדיג הודו לד׳. א, ווי קען איך זיך גלייכען צו דעם גלותדיגען פורים, נייך. ער איז פאר מיר נים קיין חבר. (פויזע).

ריכטער:

יהודה המכבי, וואס איז דיין טענה.

יהודה המכבי טרעט שטאלץ ארויס, קלינגט מיט די שפארען, הויבט אויף זיין שווערד און זאגט:

אויך איך האב צו אנציינען אויף מיין גרויסען יחוס און שטאלצע פארטיידיגונג פון מיינע פרינציפען און מיין העל־ראאישע האנדלונג געגען די גריכען און אסיריער, ווי אויך אונזערע אייגענע פאררעטער. איך בין שטאלץ מיט מיין איינציגער טאכטער חנוכה, וועלכע קען זיך נים שעמען מיט איהר יחוס און צניעות געגען די אנדערע דריי שיינע שטאלצע פרינצעסינס, די טעכטער פון מיין גרויסען לעהרער און חבר משה. איך שטים דארום איין מיט זייערע פאדערונגען.

ריכטער צו חנוכה:

קום אהער טאכטער, זאג דיין קלאגע.

חנוכה טרעט בעשיידען ארויס און זאגט:

אמת, איך בין די אינגסטע פון מיינע חברות. אבער איך האב זיך נים מיט וואס צו שעמען געגען זיי. מיין אבשטאמונג איז א הערליכע, א שטאלצע און א העלדישע. אין מיינע אדערען פליסט הערצאישע מאקאבעער בלוט. איך האב געלערענט, דאס אידישע פאלק צו פארטיידיגען זייערע רעכטע מיט דעם שווערד, נים מיט הילצערנע שפילכלעך ווי די המן קלאפערס און המן גראגערס. מיט וואס, א שטייגער, קען זיך פורים גרויסען, דערמיט וואס איין אידיש מידעל איז געווארען א קעניגען. א, פון אלע מאל אן, פון פרעה׳ן אן, האבען אלע אידישע שונאים פיינט געהאט די אידישע זכרים און ליעב געהאט די אידישע שעהנע טעכטער. אויך אין מיין שוועסטער יהודית האט זיך דער גענעראל העלפארנעס פארליעבט, אבער מיין

שוועסטער יהודית האט איסגענוצט זיין ליבע צו קענען זיין קאפ אפשניידען. אבער וואס האט אסתר געטאן? אדער איז דא זיך צו גרויסען וואס מרדכי היהודי איז געווארען א שני למלך? אחשורש איז געווען א לייכטזיניגער שוטה, וואס האט זיך געלאזט פיהרען ביים נאז פון יעדען: איז געקומען א צורר המן און האט איהם געהייסען טויטען אלע אידען אין איין טאג האט ער איהם עס ערלויבט. נאכהער איז געקומען אסתר און איהם געבעטען צו ענדערען זיין אורטייל און טויטען המנען, האט ער איהר געפאלגט. עס איז געווען אחשורש נארישקייט און לייכטזיניגקייט וואס האט פאראורזאכט די גאנצע פורים געשיכטע און די אידען האבען זיך געדארפט שעמען צו רעכענען פורים אלס א יום טוב, וויסענדיג ווי אזוי ער איז געשאפען געווארען. צום סוף זאגען נאך די חכמים אז אלע ימים טובים וועלען בטל ווערען אבער פורים וועט אימער בלייבען, און מען עסט קרעפלאך און המן טאשען, טרינקען עד דלא ידע, מאכען זיך פריילאך, טאנצען און שפרינגען, לייענען א גאנצע מגילה מיט ברכות. הכלל ליהודים, און מיר חנוכה פארשטופט מען אין א ווינקעל ביים טיר. מען קוקט אפ מיט בענטשען קליינינקע דינ[illegible]קע ליכטעלאך. אמת, מען זאגט הלל, אבער נים מען זינגט און נים מען שפרינגט, די מהדרים שפילען א קערטעל און מען עסט לאטקעס. מיינע חשמונאים העלדען זיינען געווען שטאלץ מיט זייער אידישע אפשטאמונג און זיי האבען געלערענט די וועלט צו רעספעקטירען דעם אידישען נאמען, ווערענד אסתר האט זיך געשעמט מיט איהר אידישער אפשטאמונג, ווי עס איז פארשריבען אין זייער אייגענער מגילה „אין אסתר מגדת את עמה ואת מולדת". ניין איך וויל נים פורים אלס א חבר.

(פויזע. אפ צום פלאץ).

ריכטער:

די אנקלאגע איז געענדיגט און איך בין יעצט גרייט צו הערען די פארטיידיגונג. מרדכי, דו אלס איינער פון די הויפט העלדען פון דיזער געשיכטע, און איינער פון די אנגעקלאגטע, פאדער איך דיר אויף דער ערשטער פאר דיין פארטיידיגונג.

מרדכי:

עס טוט מיר לייד צו הערען ווי איך ווער בעליידיגט אומזאנסט. איך, וועלכער האב געצייגט ווי צו זיין א שטאלצער איד. נים בוקען זיך און נים קניען פאר המן'ען, וויסענדיג גאנץ גוט אז איך שטעל איין מיין לעבען אין סכנות, אין דער צייט ווען אלס אנקעל פון דער קעניגען וואלט איך געקענט לעבען גליקליך און צופרידען, נים קימערענדיג זיך פאר דעם שיקזאל פון מיין פאלק, האב איך מיינע גאלד באדעקטע קליידער צו־ריסען און אנגעטאן זיך אין א זאק. אש אויף מיין קאפ געשאָ־טען, ארומגעגאנגען איבער אלע גאסען פון שושן און געוועקט מיינע ברידער צו תשובה און תפילה פאר זייערע אסימילאטא־רישע זינד. איך האב געוויינט און געפאסט און גאט געבעטען. איך האב א שטרענגע ווארנונג צו דער קעניגען אסתר געגע־בען, אז די צייט איז געקומען זי זאל צייגען איהר געטרייהייט צו איהר פאלק, מיט איהר קעניגליכער מאכט און איהר איינ־פלוס. ווייל צוליעב דעם האט איהר די געטליכע השגחה גע־פיהרט אום זי זאל זיי קענען רעטען.

און ווען די גליקליכע צייט איז געקומען און המן מיט זיין באנדע האבען די מפלה געקראגען און דער קעניג האט מיר מיין בעלוינונג געפערענט, האב איך קיין זאך פאר מיין איי־גענער פערזענליכקייט געבעטען, ווי נאר צו נעמען ראכע פון אונזערע פיינד און געבען זיי צו געניסען עטוואס פון זייערע אייגענע פארברייטונגען. און דארום באשטעה איך אויף די גע־רעכטע פאדערונג פון פורים צו ווערען אריין גענומען מיט עהרע אין דער אידישער היסטאריע און שטיין גלייך מיט די אנדערע ימים טובים. (פויזע, אט).

ריכטער:

קעניגען אסתר, וואס האסטו צו זאגען אין דיין פאר־טיידיגונג.

אסתר:

אויסער וואס איך באשטעטיג מיין גרויסען טרייען אנ־קעלס ווערטער, מרדכי היהודי, נאר אויך מיך האט מען פאלש

פארשטאנען צו דענקען דאס איך האב מיך געשעמט מיט מיין פאלק און מיין אפשטאמונג.

מען לערענט פאלש דעם פשט אין דער מגילה די ווער־טער „אין אסתר מגדת את עמה ואת מולדתה" דאס איך האב נים געוואלט דערציילען פון מיין אידישער אפשטאמונג נאר מען זאל דענקען—אז איך בין א פערסיאנערין. אלע וויסען אז איך האב מיך ערצויגען ביי „מרדכי היהודי" און פון מרדכי היהודי'ס הויז האט מען מיך גענומען. אלע וויסען אז מיין נאָ־מען איז הדסה. נאר אין געגענטהייל, איך האב מיך נים בעד ריהמט נים פאר מיין פאמיליע, און נים פאר מיין פאלק מיט מיין קעניגליכער קרוין. ווייל אלס אידיש קינד האב איך נים געהאלטען עס פאר איין עהרע צו טראגען אויף מיין קאפ איין פערסישע קרוין. איך האב מיך מיט איהר געשעמט. און האב מיין נאמען הדסה אויף דעם נאמען אסתר געביטען, ווייל די קרוין האט מיין קאפ געדריקט און געשטאכען. און ווען איך האב נאר ערפארען דורך מיין גרויסען אנקעל מרדכי פון מיין פאלקס אומגליק, האב איך מיין לעבען איינגעשטעלט און בין געגאנגען נים גערופענערהייט צום קעניג, וויסענדיג גאנץ גוט אז ער האט שוין איין קעניגען ערמארדעט. איך האב צוזאמען מיט מיינע אידישע הויף־דאמען דריי טעג און דריי נעכט גע־פאסט, געקלאגט און גאט געבעטען גלייך מיט מיינע אנדערע ארימע אידישע שוועסטער. און ענדליך ווען דער קעניג האט מיר זאגאר האלב פון דער מלוכה געוואלט אוועקגעבען, האב איך איהם געענטפערט אז איך דארף קיין זאך נים פאר מיר זעלבסט, ווי בלויז די זיכערהייט און דאס רעטונג פון מיין פאלק און איך האב בלויז דיפלאמאטיש זיך אויסגעדריקט: „ואילו לעבדים ולשפחות נמכרנו החרשתי", אום צו מאכען מיינע ווער־טער מעהר איינדרוקספול. און דארום פיל איך מיך שטאלץ מיט דעם יום טוב פורים וואס מיר האבען געשאפען אלס ביי־שפיל פאר אנדערע אידישע טעכטער ווען דער שיקזאל וועט דאס זעלבע טרעפען. און דארום פאדער איך אנערקענונג

פאר מיין יום טוב צוזאמען מיט די אנדערע אידישע ימים טובים. (אפ).

ריכטער:

קעניג אחשורש וואס האסטו צו זאגען.

זעניג:

יא, אסתר איז גערעכט, זי איז ווירקליך א געטרייע אידישע טאכטער געוועזן. זי האט ביי מיר אין פאלאץ איין כשר אידישע קיך איינגעפיהרט (זי האט מיר אפילו געפילטע פיש געגעבען עסען). זי פלעגט ידען פרייטאג צו נאכט ליכט בענטשען. זי האט אויף די טירען מזוזות אנגעשלאגען. איך וואלט פאר אסתר'ן אלע המן'ס אויפגעהאנגען. און דארום זאג איך אויך אז אסתר איז גערעכט און פורים דארף זיין איין שיינער אידישער יום טוב. (אפ).

ריכטער צו המן :

המן בן המדתא האגגי, דו שטאמסט פון דעם אגג וועלכען דער אידישער קעניג שאול האט אוים רחמנות געלאזט לעבען. דו ביזט איין אור אייניקעל פון דעם אלטען עמלק, וועלכער איז געוועזן דער ערשטער צו שטעלען זיך געגען דאס בעפרייטע אידישע פאלק און האט זיי געוואלט אומברייגנען. נים אומזיסט האט ג' אנגעזאגט אז עמלק מוז פארניכטעט ווערען, ווייל זיי זיינען שונאים פון פרייהיים און פאררעטער צו זייערע איינענע לענדער. אבער וואס זאגסטו אויף אזא יום טוב פורים.

המן :

איך מוז זאגען דיזען מאל דעם אמת און די ריכטינקיים. האב איך פיינט פורים. ווייל מען מאכט מיך צו שפאט און צו שאנדע. מען עסט מיך אין זיסען און אין זויערען. מען גראגערט און מען קלאפט מיך. אלע יאהר. אלט און יונג. אבער, אזוי ווי דער צוועק פון דעם יום טוב פורים איז צו זיין א ביישפיעל פאר אנדערע המן'ס, דאס זיי זאלען זיך נים אנפאנגען מיט די אידען, ווייל זיי וועלען האבען דעם זעלבען סוף ווי איך,

גלויב איך אז פורים דארף זיין ביי אידען א שיינער יום טוב.
(אפ. הינקענדיג).

ריכטער:
און דו, זרש, וואס האסטו צו זאגען.

זרש:
איך האב אבער געזאגט מיין מאן, אז ער זאל זיך נים אנפאנגען מים די אידען. כא! כא! כא! ווי עס לאכט זיך מיר ווען איך דערמאן זיך אויף דער סצענע ווי המן האט געמיינט אז די קעניגין איז פארליבט אין איהם, און זי לאדעט בלויז איהם צו איהר פאלציים. א קעניגין האט זיך איהם געוואלט. זיין אלטע זרש איז שוין איהם נים געפעלען געווארען. נו האט ער געכאפט א מפלה. און דערפאר אליין איז ווערט אז פורים זאל זיין איין יום טוב. (אפ).

ריכטער:
יעצט פורים, קום דו אליין און זאג דיין טענה.

פורים:
איינענטליך האבען שוין גאנץ דייטליך ערקלערט מיינע פארטיידיגער. איך וויל בלויז צוגעבען צו זייערע רייד, דאס איך פארלאנג נים אויסערגעוועהנליכעס. איך פאדער בלויז דאס מען זאל אין דיזען טאג זיך נים פילען וואכעדיג. נאר אביסעלע יום טוב׳דיג געשטימט. מאכען זיך לוסטיג און פריילינג, וויסענדיג דאס המן׳ס וועלען זיך אימער געפינען, אין אלע צייטען, אין אלע דורות וועלען זיך געפינען נידעריגע איינגהערציגע אומטאלעראנטע אידען פיינד, וואס וועלען זוכען צו אומברייננען דאס אידישע פאלק און-זיי וועלען אלע מאל קריגען א מפלה, ווי דער אלטער המן. איך פארלאנג דארום דאס אין מיין שמחה זאלען אלע פון גרוים ביז קליין נעמען אנטייל און מען זאל שיקען פרעזענטען איינס צום צווייטען און נעבען מתנות און געשענקען צו ארימע לייט, זא דאס אלע, ארעם און רייך זאלען זיך פרייען. מען זאל מאכען פארשידענע אונטערנעמונגען, לוסטינע פורים שפילען און פארשטעלונגען און דאס איז נים פיעל געפאדערט. און דארום קען איך בעטראכט ווערען

אלס א גאנץ גוטער חבר צו די אנדערע ימים טובים. (אפ).
ריכטער, שטעלט זיך אויף און זאגט:

פריינדע, איך האב אויסגעהערט די טענות פון ביידע צדדים און גיב יעצט מיין אומפארטייאישען אורטייל, אז פורים זאל גלייך מיט אלע אנדערע אידישע ימים טובים אנערקענט ווערען. די געשיכטע פון פורים לערענט אונז דאס איין איד דארף נים פארגעסען אויף זיינע ברידער, עס מאכט נים אויס ווי גרויס, רייך און מעכטיג ער ווערט. אזוי ווי משה רבנו האט געטאן, „ויגדל משה ויצא אל אחיו", אזוי האט אויך געטאן מרדכי. ומרדכי יצא מלפני המלך צו זיין א דורש טוב לעמו און א דובר שלום לכל זרעו.

איין אידישע טאכטער דארף נים פארגעסען איהרע פליכטען צו איהר פאמיליע און צו איהר פאלק, זאגאר ווען זי האט א קעניגליכע קרוין אויף איהר קאפ.

די געשיכטע פון פורים דערציילט אונז אויך פון המן הרשע דער סימבאלישער צייכען פון דעם פיעל קעפיגען אנטי־סעמיטיזם וועלכעס ווערט ווידערהאלט טאג טעגליך, ווען עס שטייען אויף פארשיידענע המנ׳ס אין פארשיידענע צייטען און אין פארשיידענע לענדער און ווילען פארניכטען דאס אידישע פאלק און זיי קריגען די זעלבע מפלה ווי דער ערשטער המן. פונקט ווי דער בעל האגדה זאגט: בכל דור ודור עומדים עלינו לכלותנו והקב"ה מצילנו מידם.

און דארום איז פורים א שיינער, וועלקאמענער, עהרענ־האפטער יום טוב, וועלכען מען דארף פייערן מיט עסען קרעפלאך און המן טאשען, לייענען די מגילה און מאכען א גוטע כוסה. נעמט זיך אלע ביי די הענד און זינגט.

## שלאגט המנ׳ען

שלאגט די המן׳ס אן רחמנות
שלאגט זיי ברעכט די ביינער

גיט זיי גומע שלח מנות
שלאגט זיי אויס די ציינער.

געגוג צו פאסטען קינות זאגען
געגוג פארגיסען טרערען.
וויינען, שרייען און זיך קלאגען
אין גאנצען מוז אויפהערען.

געגוג „מה יפית" ליעדער זינגען
געגוג שתדלנות בעטען
געגוג מיט צדקה פושקעס קלינגען
געגוג זיך לאזען טרעטען.

צייגט אז אייער בלוט איז טייער
אומזיסט לאזט ניט פארגיסען
ממילא וועט איהר ווערען פרייער
און אלעס גוטס געניסען.

שושנת יעקב.

פארהאנג פאלט.

# דוד ושונמית

איינאקטער קאמעדיע

פון

הרב הלל יעקב הורוויץ

# David and the Shunamith

BY

RABBI H. J. HOROWITZ

*Copyright Reserved*

# דוד און די שונמית

(איינאַקטער קאָמעדיע)

פ ע ר ז אָ נ ע ן

דוד המלך

אביגיל

מיכל

בת שבע

צדק הכהן

דאָקטוירים

נירסעס

גענעראַלען

און פיעל אנדערע

## סצענע

א קעניגליכער פאלאץ. אויף א שטול זיצט אנגעשפארט דער קעניג ארומגעדעקט מיט קוילטס. זיינע גענעראלען און ראטגעבער שטעהען ארום איהם. אויף א טישעל שטעהען פיעלע מעדיצין פלעשלעך. דער קעניג טרייסעלט זיך פון קעלט.

**דוד:**

בוררר...ס'איז מיר קאלט
עס טרייסעלט מיר די ביינער
איך פיעל מיך שוואך און אלט
העלפען קען מיר קיינער.
אכטציג וויבער האב איך
און קיין איינע קען מיך ווארמען
א, ווי קאלט מיר איז!
נאט זאל זיך דערבארמען. בוררר....

**אביגיל:**

בין איך נים שעהן גענוג
דיין בלוט זאל זיך צוהיצען
בין איך נים חיים גענוג,
מאכען דיך צו שוויצען?

**דוד:**

ניין, נים אין מיינע יאהרען
קענסטו ווארעמען גענוג.
ווען איך בין ווי פארפרארען
עס קילט אין מיר דאס בלוט.

**מיכל:**

איך האב דיר געגעבען די קראפט
האסט לייבען דאן צוריסען.
האב איך נים מעהר קיין זאפט
יעצט דיין בלוט צו פרישען.

דוד:

ניין, דו ביזט שוין יעצט פארעלטערט
פארלאשען איז דיין גלוט
איך בין שטארק פארקעלטערט
אך ווי ס'איז ניט גוט!

בת שבע:

בין איך ניט געוועזען הייס בענוג
אין דיר א פייער צינדען.
דאס זאגער דורך א בעטרוג
האסטו געלאזט מיין פאן פארשווינדען.

דוד:

יא, דאס ענטפאנג איך יעצט די שטראף
פאר מיין זינדיג הייסען ווילען.
דאס איז דער אנפאנג פון דעם סוף
ווען מיין לעבען ווערט זיך שפּילען...

עס נייען דורך א רייע פרויען, יעדע פרעגענדיג:

און איך? און איך?

דוד:

ניין, ניין, ניין! איהר אלע אלטע ווייבער
קענט ניט אפפרישען מעהר מיין בלוט
מיט אייערע צוקנייטשטע לייבער.
ווערט מיר נאך מעהרער ניט גוט. בוררר...
דאקטוירים העלפט!

דאקטוירים:

מיר האבען דיר געגעבען אקווא דיסטילאטא
מיר האבען געדעקט דיך מיט קליידער פון וואטא.
מיר זעהען קיין הילף פאר דיר לעת עתה
נאך אלץ זאגסטו אז עס דיר קאלט.
מיר האבען דיר געגעבען ראיאל ספירימוס
מיר האבען דיר געגעבען אויך יין שאמפאניטוס.
און אויך א דאזע קובבעבע לאקריטוס
און קיין זאך האט דיר ניט געהאלפען. געוואלד.

פראפעסאר:

לזיט די דיאגנאז פון דיזער קראנקהייט
לויט דעם קעניגס קעלט די גרויסע
קען קיין אנדער זאך דעם קעניג היצען
און זיין בלוט צו מאכען שוויצען.
ווי נאר הורך יונגעס בלוט און הייסע
פון איין „אומשולד מויד" א גרויסע
אין קעניגס שויס זאל זי נאר זיצען
און זיכער ווערט דער קעניג שוויצען.
אין זיין הארץ א פלאם ווערט זיך אנצינדען.
און זיין קעלט ווערט דאן פארשווינדען.

ד ו ד:

ניט אומזאנסט ביזטו א פראפעסאר,
בעריהמט איבער דער גאנצער וועלט
דו ווייסט פון יעדען דאקטאר בעסער
וואס עס קאן פארטרייבען די קעלט.

אלע מענער פאנגען זיך אן צו טרייסלען פון קעלט. אלע שרייען בוררר... ס'איז קאלט.

צדוק הכהן:

איך געה באלד ארייז שיקען אייערע פלונית'טעס.
זיי וועלען שוין אייך דערוואַרעמען
אין זייערע פיסקלעך ווען איהר פאלט אריין
זאל נאַט זיך אויף אייך דאן דערבארעמען.

אלע לאַכען. מען טיילט זיך פאנאנדער אין צוויי גרופעס, איינע פון מענער און איינע פון פרויען, און זיי זינגען.

פרויען זינגען:

גערען ארום א בחור'ל אומעטיג פארטרויערט
עס פרייסעלט איהם זיין הערצעלע
זיין געזיכט פארזויערט
עס נאגט עס ציהט עס זוכט עפעס
עס בייסט און ווייס ניט וואס,
ביז עס קומט דער סוד ארויס,

עס פעלט דעם בחור׳ל דאס . . .

כאהר:
א מיידעלע וועט איהם מאכען פריש
א מיידעלע וועט איהם מאכען זיס.
זיין הערצעלע איינשטילען
א מיידעלע וועט איהם היטערען
זיין נשמה לייטערען
ווארעמען די געפיהלען.

מענער:
ניים ארום א מיידעלע אומטומיג פארטרויערט
א מלאכל איין איידעלע דאס געזיכט פארזויערט
עס נאגט עס ציהט דאס הערצעלע
עס בייגקט און וויים נים וואס.
א פארבארגען שמערצעלע
עס פעהלט איהר נעבאך דאס . . .

כאהר :
א בחור׳ל וועט איהר מאכען פריש
א בחור׳ל וועט איהר מאכען זיס.
איהר הערצעלע איינשטילען,
א בחור׳ל וועט איהר היטערען
די נשמה לייטערען
ווארעמען די געפיהלען.

פרויען:
א בחור אין זיין יוגענד צייט
געוואלט האט ספעקולירען
חתונה האבען נים געוואלט
נאר גלאט זיך אמוזירען
ביז ער איז געווארען אלט
טרוקען ווי א דארן.
איהם ברעכט די ביינער, ס׳איז איהם קאלט
ער וויים שוין זיין חסרון.

כאָהר:

אז א מיידעלע . . .

מענער:

געהט אַרום אַיין אלטע מויד,

אומטומיק פאַרזויערט,

גרוי און אלט צוקניימשט די הויט

דאָס געזיכט פאַרמרויערט.

עס נאָגט עס ציהט עס זוכט עפּעס,

עס בייַנקט און האָט פאַרדראָס.

זי האָט זיך שפּעט ארומגעזעהן

אז עס פעלט איהר נעבאך דאָס . . .

כאָהר:

א בחור׳ל וועט איהר מאַכען פריש....

פרויען:

אין אלטן געהט ארום פאַרטראַכט

פאַרמרויערט און פאַרקלערט

בעפאַר האָט ער געלעבט אין פראַכט

זיין הויז איז יעצט צושטערט.

צובראָכען איז זיין לעבענס ציעל

ענג איז איהם זיין וועלט.

א שפּיעל אין זיין האַרץ רעדט שטיל

אז איהם פעלט, איהם פעלט.

כאָהר:

א מיידעלע . . .

מענער:

אין אלמנה געהט ארום

געקליידעט הדר אין שוואַרצען

ח ז י ו נ י   נ ו ע ר

איהרע אויגען רעדען שטום
פון וואנדערען פיעל און הארצען.
איהר גליק געווארען איז צושטערט
ענג איז איהר די וועלט
און וואו זי קערט זיך בלויז די הערט
אז איהר פעלט, איהר פעלט.

באחר:
א בחור'ל . . .

—: ע נ ד ע :—